STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06259

DER VEG AROYF

Martin Birnboym

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרטין בירנבוים

דער וועג אַרויף

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס-פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1939

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the Jewish Section, International Workers Order
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
October, 1939.

209

אינהאַלט

דער וועג אַרויף — — — — — — — — — — — — — — — — 5

דער מענטש פון דער וועלט

א מענטש פון דער וועלט — — 9
א פרוי פון מאַדריד — — — — — 12
פּיטי — — — — — — — — — — 16
א בריוול פון שפּאַנישן פראָנט — 19
א זון פון מאַדריד — — — — — 21
שפּאַניש וויג־ליד — — — — — 25
א בריגאַדיר דערציילט — — — 26

דאָס ליד פון „פּייער־לעשער"

דאָס ליד פון „פּייער־לעשער" — 35
שים ! — — — — — — — — — 37
אינדערוואָכן — — — — — — 39
אַן ארבעטלאָזער — — — — — 40
איזע — — — — — — — — — 41
אין פּענטעם — — — — — — 45
דער אַלטער נאַגלער — — — — — 46
ביי דער מאַשין — — — — — — 47
דער וואָס האָט זיך אויפגעהאַנגען 49
פרייד פון אַרבעט — — — — — 52
א פּאַרטרעט — — — — — — — — 55
פּאַריער ביי דער ארבעט — — 57
אין שאַפּ האָט זיך היינט נישט געניים — — — — — — — 59
זיגעריש — — — — — — — — — 63
ס'איז שווער — — — — — — — — 66
איך זינג דאָס ליד פון אונדזער קראַפט — — — — 67

ערשטער מאַי

פון וואַנען קומט דער ווינט — 71
פּלאַקאַט צום ערשטן מאַי — — 73
קום אויפן סקווער היינט — — 76
וועלט, מיין מאַיאיקע געליבטע — 78

לעצטע רגעס

אין לעצטע רגעס — — — — — 83
פּאָנען אויף האַלב־מאַסט — — 84
נישט קיין טעות איז דאָס לעבן 86
נאָך גאָרקין — — — — — — — — 87

פון יענעם טאָל

טראַכט איך אַמאָל — 91
אין מאָרד־וויסטע טעג — 95
אַ בריוו פון תל־אָביב — 98
ס'ענטפערט אַ זון — 101
פון יענעם טאָל — 103
פון פוילן שרייבט מיין פאָטער — 107
אַ גרוס דיר, האָראָדענקע! — 110

פון מיינע וואַנדער־טעג

ביינאַכט אין אויטאָבוס — 115
אויף שליאַך סאַנטאַ־פעיער — 119
אַרום פּאַרקל — 121
פּריסקאַ האַפן — 123
אין מדבר — 125
אַרום גרענד־קעניאָן — 128
אין אַ ווינטער פאַרנאַכט — 132

טויזנט־לאַנדיק, טויזנט־שפּראַכיק

דער, וואָס קומט — 135
קאָנטאַקט — 139
ביים איסט ריווער — 142
פרילינג אויפן סקווער — 143
ביי יעזוסן צו גאַסט — 145
מילך אין ים — 147
בירא־בידזשאַן — 149
אַ באַגעגעניש — 151
קיך־טיש, מיין וואַרשטאַט — 153
אויף יענער זייט פענצטער — 155
אַ הונט איז אַלצאיינס
וואָס ער טוט... — 158
מיסעס גינסבוירג און איר גאַסט — 160
צו אַ דיכטער — 162
כ'שטיי פאַר דיר — 163
אָפּשייד — 165
עס טרעפט אַמאָל — 166
צו אַ מיידל — 168
קום! — 169
אין נאַכטיקן שפּיגל — 171
דו און איך — 173
עס מאָנט מיין וועג — 175
אין איינזאַמע רגעס — 177
נאָכקלאַנג — 179
ס'קריגט זיין באַנוס דזשאָן — 180
טויזנט־לאַנדיק, טויזנט־שפּראַכיק — 183

טעג פון דערשיטער

אין טעג פון דערשיטער — 187
דייטשלאַנד — 190
דער מערדער פון געדאַנק — 193
דאָס „אינערע געזעץ" — 194
פאַרן לעבן — 197
פאָטערלאַנד מיינס — 203
שוין אַזוי פיל נעכט — 205
ס'וועט ניט שטאַרבן דאָס פאָלק — 207

דער וועג אַרויף

טעג, חדשים, יאָרן —
יאָרן, חדשים און טעג.
ס'אַ שווערער,
אַ שווערער דער וועג.

יעדער טאָג — אַ באַרג.
יעדע רגע — אַ שטיין.
נישט יעדער איז שטאַרק —
נישט יעדער קאָן גיין.

איינער ווערט „מיד",
אַ צווייטן פעלט מוט.
נאָר דער, וואָס אים ברית —
דער גייט
ביז פאַרבלוט!

יעדעס יאָר ווערט אַ גאָרן
און טרעפּ — די טעג.
אַ רגע פאַרלאָרן —
מאַכט ווייטער דעם וועג.

דער באַרג-שטייגער ווייס:
ס'איז ווייט ביז צום שפּיץ:
ס'קאָן נעפּל און ווינט,
ס'קאָן טויטן דער בליץ.

איז נעמט ער נישט קריכן,
פּראָסט אויף גוט גליק:
ער באַנאָגלט די שיך,
פּרואווט — אייז-האַק און שטריק.

און קלעטערט ער שוין —
איז מיט פריידיקן גלי:
ער ווייס, אַז זיין לוין
וועט קרוינען די מי:

זען שטייגן די זון
אוים פינצטערקייט-נעסט:
איז ווערט די סכנה!
איז ווערט דעם פאַרמעסט!

אויך מיר זיינען שטייגער,
וואָס שטייגן צום ליכט.
וואָס שווערער דער וועג —
אַלץ גרעסער די פליכט.

יעדער טאָג איז אַ באַרג,
יעדע רגע — אַ שטיין!
מיר מוזן זיין שטאַרק!
מיר מוזן דערגיין!

דורך שטורעם צו שטייגן,
דורך נויט און געפאַר —
ס'איז ווערט, אַז מען ווייס:
דאָס לעבן —
דער שכר!

דער מענטש פון דער וועלט

אַ מענטש פון דער וועלט

(געווידמעט חבר י. ב. ביילין)

איז אַ זעלנער געקומען אין דאָרף נאָך אַ שלאַכט.
אַ פראָסטיקער דרויסן. אַ ווינטער־פאַרנאַכט.

ס'איז שווער זיין טורניסטער און מיד זיינע טריט.
אין אַ דערפל פאַרבלאָנדזשעט נישט ווייט פון מאַדריד.

אין דערפל איז שטיל, אין דערפל איז רו.
ערגעץ האַווקעט אַ הונט. ערגעץ מרוקעט אַ קו.

נאָר טוען די אויגן אַ וואַנדער אין קרייז —
איז דאָס טונקעלע דערפל צעבראָכן, צעקיילט.

נאַקעטע קוימענס אין דעמער פאַרשפּיצט —
אַ שטעמפּל, פון טויט און פון פייער פאַרקריצט —

און טרימער־אַרום, און חורבות מיט ליים —
נאָר ס'אָטעמט דאָ עפּעס מיט אייגנס, מיט היים...

ס'איז קאַלט און ס'איז טונקל. דאָס דערפל איז קליין.
גייט ער, דער זעלנער, איבער דאָרף־גאַס אַליין.

זיין זעלנערשער מאַנטל — פון שטעך־דראָט צעפליקט.
אין פראָסט־בלאָער פויסט — פאַרקלאַמערט די ביקס.

ווי הייסט עס דאָס דאָרף? — וואָס מאַכט עס אים אויס?
אָט ציטערט אַ שטראַל דורך אַ פענצטער אַרויס.

און דאָרט וואו ס'איז ליכטיק, דאָרט וועט ער אַריין
און בעטן אַן אָנבייס — אַ שטיק ברויט, אַ גלאָז וויין.

דערנאָך — און עס קוקט אויף די פּיטשנאַסע שיך
דער זעלנער און טראַכט — אַ וואַרעמע קיך — — —

מען וועט אים דערקענען: זיין גרוס. זיין מונדיר —
און ס'קלאַפּט שוין דער זעלנער דער מידער אין טיר.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין צימער אין ברייטן איז ווארעם און גראם.
אין אויוון — דער היימלעכער טרעשטש פון א פלאם.

אן אלטיטשקע פארעט זיך שטום ארום קיך —
דאס היט זי דעם זעלנער די פיטשנאסע שיך.

דער זעלנער איז זאט שוין, געגעסן א סך —
און גוט איז אים איצט אונטער פויערשן דאך.

דער אלטער פעזאנא, דער פויער ביים טיש,
טוט זיך די וואנסן די לאנגע א וויש.

ס'קארטשעט א שמייכל זיין טונקעלע הויט:
— צי וויל ער, דער זעלנער, נאך ווין און נאך ברויט?

עס דאנקט אים דער זעלנער און ענטפערט, אז ניין.
דער פויער הארכט שארף — ס'איז שווער אים פארשטיין;

און ס'פרעגט דער פעזאנא א ביסל פארשעמט,
פון וואנען ער קומט. זיין שפראך איז אים פרעמד.

צעלאכט זיך דער זעלנער גוטמוטיק-פארזארגט:
פון אמעריקע קומט ער; ער קומט פון ניו יארק.

דרייט די אלטע אוועק דעם קאפ פון דער קיך —
ביים אלטן ווערט ערנסט ס'צעקארבטע געזיכט:

וואס האט אים, א פרעמדן, אהערצו געבראכט?
וואס האט אים געטריבן זיי העלפן אין שלאכט?

צי האט ער א מוטער? — ווערט דער אלטער פארטון
אין שמועס — אט האבן זיי אויך שוין פארלארן א זון...

אן איינציקער זון, נאר ער קלאגט זיך נישט. ניין.
געגן פראנקאן דער קריג — ער ווייסט וואס עס מיינט.

א שפאניער איז ער, פארשטייט ער זיין מין.
און ארט אים — איז בלויז וואס ער האט מער קיין זין...

נאר ער — צו דעם זעלנער — אזא יונגער איז ער!
וואס האט אים געטריבן אין קריג דא אהער?

ער קומט דאך צו זיי פון אן אנדערער וועלט!
צי האט זיך זיין פאטער נישט קעגנגעשטעלט?

זאָגט דער זעלנער צום פּויער, דעם אַלטיטשקן מאַן:
— מײַן מוטער איז טויט. אַ טאַטע ז׳פאַראַן.

צי געפּרואווט האָט מײַן אַלטער פאַרהאַלטן מיך? ניין.
ער האָט מיך דערמוטיקט, געהייסן מיר גיין.

אַ קאָמוניסט איז מײַן פֿאָטער, סעניאָר, פּונקט ווי איך.
— די אַלטע ווענדט אָפּ זיך אײַנגאַנצן פון קיך —

און דער, וואָס די פרייהייט פון מענטש איז אים ליב,
סעניאָר, דעם איז נאָענט ביז גאָר הײַנט מאַדריד.

און ס׳זאָגט נאָך דער זעלנער אַזוי פּראָסט, אַזוי שטיל:
— ס׳איז נישט נאָר מאַדריד; די וועלט שטייט אין שפּיל...

און ס׳ווערן די אויגן ביים זעלנער צעהעלט:
אין שפּאַניע קלאַפּט הײַנט דאָס האַרץ פון דער וועלט!

דער אַלטער פּעזאַנאָ — ער פרעגט שוין נישט מער —
אין אויג זײַנעם ציטערט, ציטערט אַ טרער...

— — — — — — — — — — — — — — —

שטיל איז אין שטוב שוין. פאַרלאָשן דאָס ליכט.
פאַרזונקען אין שלאָף ליגט דער זעלנער אין קיך.

פון ווייט ערגעץ טראָגט זיך דאָס וואָיען פון הינט.
עס אָטעמט דער זעלנער מיט רו פון אַ קינד.

די אַלטע פּעזאַנאַ ליגט וואַך אויף איר בעט,
לעבן איר ליגט דער אַלטער — זי הערט ווי ער רעדט;

עפּעס מורמלט ער שטיל, ווי מיט ציטער פון קעלט,
פון אים, פון דעם זעלנער, פון מאַדריד און דער וועלט...

זי הערט, ווי זײַן אָטעם איז מאָדנע, איז שווער —
עס דאַכט איר: זי זעט נאָך דעם בלישטש פון זײַן טרער...

זי טוט אים מיט פינגער מיט שאָרסטקע אַ גלעט
און לאַנגזאַם הויבט זי זיך אויף פונעם בעט:

ס׳איז זײַן מאַנטל צעריסן. ס׳דאַרף ווערן פאַרריכט.
פאַרטאָג מוז ער אויפשטיין — ווער זי אָנצינדן ס׳ליכט.

אַ פּרוי פון מאַדריד

ס'איז געווען אין אַ ווינטער־טאָג —
דער „הייליקער" טאָג פון פרידן אויף דר'ערד.
אין אַ גאַס, אַ מאַדרידער,
אין אַ קעלער אַ קאַלטן,
זיינען מענטשן אין טויט־שרעק געלעגן באַהאַלטן
און ביי יעדן קראַך,
יעדן אויפרייס אין דרויסן,
האָבן קינדער זיך ווילדער צעשריגן,
האָבן זיך פּנימער ווילדער פאַרצערט.

גרייז־גראָע פרויען און מענער —
אויף הארטן, אויף קאַלטן צעמענט.
ס'האָט קיינער אין קעלער — די עלטסטע אפילו —
אין דעם הייליקן טאָג ניט געשעפטשעט קיין תּפילה —
נאָר געהיט
יעדן טרעשטש פון די באַלקנס
און אין טויט־שרעק
געדריקט זיך צו ווענט.

:: :: ::

מאַריאַ — מיטן קינד אין אַ ווינקל —
זיצט באַנג, זיצט שטום און פאַרטראַכט:
די מענטשן . . . דער קעלער . . .
דאָס קראַכן דאָרט אויבן . . .
איין אויפרייס
קען זיי דאָ אַלע צעשטויבן —
זי און דאָס קינד . . .
ס'טוט אַ פאַרקראַמף זיך דאָס הארץ אירס —
איין אויפרייס —
האָט פעדראָ צעשטיקלט אין שלאַכט.

ס'דוכט איר —
זי הערט אירע רייד נאָך:
„פּעדראָ, איך ווייס, דו מוזט גיין . . .
נאָר ס'קינד — פונעם קינד וואָס וועט ווערן — ? !"
און ער — גערירט פון די טרערן —
האָט מיט צאַרטקייט מיט שטילער געענטפערט:
„מאַריאַ, דו בלייבסט נישט אַליין . . ."

ווי שווער ס'זיינען טעג דאַן געוואָרן
אָן אים! — יעדע שעה,
יעדע רגע, ווי שווער! . . .
נאָר ס'קינד האָט געצאַפּלט: לעבן . . .
האָט זי אינגאַנצן דעם קינד זיך געגעבן;
האָט זי די אויגן פאַרמאַכט צום אַרום
און געטראַכט — וואָס קען זי דעם לאַנד,
וואָס קען זי אים געבן נאָך מער . . .

איצט זעט זי: די לעצטע מינוטן —
אין טיר־ראַם ער שטייט אויף דער שוועל . . .
זי ווייס:
ס'איז ליב אים געווען דאָס לעבן —
און דאָך — ער האָט עס געגעבן!
פאַר איר; פאַר זיין קינד; פאַר זיין לאַנד —
זי קוקט אויף די מענטשן אין קעלער
און דער בליק איז פון טרערן איר העל.

:: :: ::

ווילדער איז פּלוצים דאָס קראַכן געוואָרן;
ס'האָט אַ דונער צעטרייסלט פון קעלער די ווענט.
אַ פלאַם האָט אַ שלאָג געטאָן דורך די באַלקנס
און העל אַזוי ווי דאָס פייער
האָט די שרעק זיך אין קעלער צעברענט.

ס'האָט עמעץ אַ טיר אויפגעריסן.
אַ שטים האָט גערופן: אַרויס!
האָט אַ מאַן זיך אין קעלער צעשריען:

— פרויען! מאַמעס מיט קינדער!...
מאַריאַ איז געפֿלויגן פֿאָרויס...

אַ קול האָט ערגעץ געוױשעט;
געשאָלטן די פֿראַנקאָ'שע הינט.
און זי — דורך רויך, איבער טרימער,
אָן אַ געדאַנק פֿאַר איר לעבן —
דאָס קינד בלויז — דאָס קינד! דאָס קינד!

:: :: ::

שטיל איז דער הימל געוואָרן.
אַ ווינט האָט די רויכן פֿאַרקערט.
די גאַס איז געלעגן צעשאָטן.
מענטשן — צעוואונדיקט אויף דר'ערד.

פֿון אונטער די חורבות אַ כאָרכלען,
אַ זשיפּען פֿון מענטשן אין פּיין;
מען זוכט שוין, מען שלעפּט פֿון די שטויבן;
מען גראָבט זיך אין חורבות אַריין.

ס'וואַנקען געשטאַלטן פֿאַרטויבטע;
אַ פּייפֿן־, אַ רעדער־געקריץ.
ס'סווישטשען פֿאַרביי אַמבולאַנסן;
ס'פֿיבערט, ס'יאָגט די מיליץ.

ביי אַ חורבה געקניט האָט מאַריאַ;
געקוקט אויף אַ קעפּל — איר קינד!
געקוקט אויפֿן שנירל דעם רויטן,
וואָס רינט פֿון זיין שלייפֿל און רינט...

ס'האָט אַ שכן באַרירט זי ביים אַקסל,
געזאָגט איר אַ טרייסטנדיק וואָרט.
נאָר זי — אַזוי קאַלט און פֿאַרגליווערט —
קיין ענטפֿער, קיין ריר נישט פֿון אָרט.

:: :: ::

ווּיפיל נעכט; וויפיל טעג; וויפיל וואָכן —
אויך אַ מינוט קען זיין לאַנג.
געמיינט האָט מאַריאַ: צעבראָכן!
נאָר ס׳לעבן גייט האַסטיק זיין גאַנג.

— צי האָט זי דאַן פּעדראָן פאַרשטאַנען:
„מאַריאַ, דו בלייבסט נישט אַליין . . .״
— יאָ. נאָר פּיינלעך איז איר זיך דערמאָנען —
ס׳איז שווער געווען וועלן פאַרשטיין . . .

אַ שלייער אויף האַרץ און אויף אויגן —
דאָס קינד אַנטקעגן דעם לאַנד.
פּעדראָ, דער מאַן, האָט דערוואויגן.
ביי איר האָט געציטערט די האַנט . . .

צי האָט זי געמעגט אים דאַן פרעגן:
„פּעדראָ, נו, און דאָס קינד? !״ —
ווי שטיל ביי איר ברוסט ס׳איז געלעגן . . .
זי וואָלט נישט געפרעגט שוין אַצינד . . .

וויפיל מאַמעס און טעכטער מאַדרידער —
טאַקע דעמאָלט, מיט אים, מיט איר מאַן —
האָבן מאַרשירט צו די פראָנטן מיט לידער,
מיטן לאָזונג: נאָ פּאַסאַראַן!

זי האָט עס שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען,
נאָר געציטערט פאַר זיך, פאַר איר קינד . . .
טראַכט זי, מאַריאַ — פאַראַנען
אַ צייט, ווען מען צווינגט זיך זיין בלינד . . .

אַ שלייער אויף האַרץ און אויף אויגן —
איצט ציטערט שוין מער נישט איר האַנט.
איצט האָט זי אינגאַנצן דערוואויגן —
אינגאַנצן: דער פרייהייט! דעם לאַנד!

פּ י ט י

(די געפאַלענע העלדן פונעם לינקאָלן באַטאַליאָן אַן אָנדענק)

1.

וואו־זשע ביסטו איצטער, פּיטי, וואו־זשע ליגט איצט דיין געביין?
מיט אַ צוק אויף ליפּן פרעג איך, ניט מיט טרערן, פּיטי, ניין.

ביסט געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ צאַרטער, בלייכער יונג,
נאָר דיין אויג, דאָס טונקל־פרישע — ווי אַ קלאָרער, קילער טרונק.

איך דערמאָן זיך דעם פרימאָרגן — כ׳בין אין שאַפּ אַ נייע האַנט;
נעבן מיר — דיין שמאָלע פּלייצע; ס׳פּנים דיינס איז צו דער וואַנט.

פון דער אַרבעט אָפּגעוואָרפענע, מיינע פינגער זיינען רוי.
דיין מאַשין — אַ האַרטער וויכער — טרייבט מיך אונטער: אַט־אַזוי...

ס׳שיילט די הויט זיך אַרום נעגל. ס׳בראָט די שוואַרצע פּעלצן־פאַרב.
כ׳בין דיך שטילערהייט מקנא — נאָר מיין קנאה איז ניט האַרב.

„פּיטי!" — האָט דער באָס גערופן — „פּיטי" הייסט ער, כ׳האָב געטראַכט.
האָסט אַ װענד געטאָן מ׳קאָפּ און דיין אויג האָט העל געלאַכט.

ס׳אַראַ צאַרטקייט אינעם פּנים: ס׳אַראַ בלייכקייט אין דיין הויט —
כ׳וואָלט אַ וואָרט דיר וועלן זאָגן, נאָר דער באָס שטייט, ווי אַ פּלויט.

2.

די מאַשינען זשומען, זשומען —
וואָכן גייען, וואָכן קומען.
נו, דערשלעפּ שוין; נו, דערצי...
מאָנטיק... פרייטיק... וויפיל מי!

אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין —
מען באַקענט זיך ביים מאַשין.
מער דורך זשעסט און מער דורך וואונק —
אין שאַפּ יאָגט אַלץ — אַ חוץ דער צונג...

כ׳האָב מיט פּיטין שוין גערעדט —
אַ פאַרשטענדיקער פּראָלעט —
ניט צו אָפּט און ניט קיין סך.
פּיטי שווייגט. איין־זיך. פאַרטראַכט.

אים באַגעגנט ביי אַ טאַנץ:
„— דאָס איז דזשין" — און ס׳אויג זיינס גלאַנצט.
ווייניק ווערטער. איינפאַך. פּראָסט.
אזוי אין שאַפּ, אזוי אין גאַס.

„פּיט׳ס אָקיי!" „פּיט׳ס אָלרייט!"
„העלאָ!" „גודביי!" — נישטאָ קיין צייט.
אויסגעטאָן פון זיך דעם שאַפּ —
רופט די באַן — דאָס לעבן — כאַפּ!

די מאַשינען זשומען, זשומען —
וואָכן גייען, וואָכן קומען.
נו, דערשלעפּ שוין; נו, דערצי...
מאָנטיק.. פרייטיק... וויפיל מי!

3.

— וואו איז פּיטי, דער אָפּערייטאָר? וואו איז פּיט? — מסתמא קראַנק.
אַ טאָג און צוויי — גענוג! פאַרפאַלן. ס׳קען מאַשיז ניט וואַרטן לאַנג.

און אַ נייע פּלייצע וויגט זיך צו דעם טאַקט פון זעלבן ליד.
בלויז די אַרבעטער פאַרחידושט: וואו איז פּיטי? וואו איז פּיט?

אין לאָקאַל און אויף דער בירזשע — ניט געהערט און ניט געזען.
— יאָ, דאָס צימער אויפגעגעבן. עפּעס האָט געמוזט געשען.

וואָכן גייען. וואָכן קומען. זאָרג־באַלאָדן שווערע טעג.
וויפיל בלוט אויף וועלט און פייער! — איז פאַרגעסן און אָן עק.

4.

— אָט־דאָס בלאָנדע מיידל דאָרטן, ביי דער פּאַלמע, אויף דער באַנק —
עפּעס דאַכט מיר, אַז איך קען זי — און איך נישטער אין געדאַנק.

איך דערמאָן זיך: ליכט־עפּעקטן, פּאָרלעך, שפּאַנישע מוזיק —
עמעץ רעדט פון פראָנט מאַדרידער; רעדט פון אונדזער פרייהייט־קריג.

אָט־דאָס בלאָנדע מיידל דאָרטן — ס'איז דאָך פּיטים — נו, געוויס!
און איך גיי שוין צו דער באַנק און איך שטיי שוין און באַגריס.

ערגעץ טיף — איך שרעק זיך פרעגן — עפּעס איז זי אַזוי בלייך.
נאָר איך פרעג שוין: וואו איז פּיט? וואו איז פּיטי, פרעג איך ווייך.

שטעלט זי אָן די גראָע אויגן — פייכט אַזוי און רענדער רויט —
און מיט אַ מאָדנע־טיפן שמייכל זאָגט זי פּשוט: פּיט איז — טויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואו־זשע ביסטו איצטער, פּיטי? וואו־זשע ליגט איצט דיין געביין? —
„ביי מאַדריד איז ער געפאַלן"... ניין, זי וויינט ניט, פּיטי, ניין.

וויפיל טעג און וויפיל וואָכן — נישט געזאָגט און נישט געוואוסט!
פּיטי, צאַרטער אָפּעריטאָר, וויפיל קוילן אין דיין ברוסט!...

דייגע העלע אויגן וועלן לויכטן אין מיין בלוט
שוין אויף אייביק, פּיטי, ברודער! פּיטי, חבר — קאָמסאַלוט!

אַ בריוול פון שפּאַנישן פראָנט

ער איז אַוועק פון אונדז
שטיל און אומגעריכט.
ווער ס'האָט אים גערופן?
קיינער נישט —
זיין פליכט.

אַ פּשוטער אַפּערייטאָר,
אַן אַרבעטער ביי פעל;
איצט איז ער אויך אַ שיסער —
ער שיסט
אין טערועל.

ער האָט אַהיים געשריבן
אַ קורצן, שנעלן בריוו:
„די שלאַכטן זיינען היים,
די שנייען זיינען טיף.

„ווען איך קום צוריק?
דאָ צייל איך נישט די טעג.
איך האָף —
איך וועל דאָ בלייבן
ביזן סוף פונעם געשלעג.

„מיר שטייען פאַרן שונא.
אודאי —
עס איז שווער.
נאָר קיינער וועט פון האַנט
נישט לאָזן דאָס געווער.

„און גלויבט מיר, מיינע ליבע,
איך רעד נישט בלויז פאַר מיר.
ס׳איז דאָ ביי יעדן זעלנער
דאָס האַרץ
זיין קאָמאַנדיר.

„איז זאָרגט נישט,
מיינע ליבע,
און שרייבט מיר וואָס איר מאַכט.
איך איל זיך מיטן בריוול —
מיר גייען קריק אין שלאַכט...״

אַ זון פון מאַדריד

דומפּיקע עכאָס. פאַרוואָלקנטע נאַכט.
טריט. אַן אײַלנדיק שאָרן.
אַ שאָטן, אַ ביקס, אַ באַגנעט טוט אַ בליץ —
די היטער פון שטאָט, די רויטע מיליץ —
דער הימל — אַ פינצטערער תהום מיט געפאָרן...

דאַכט זיך — ס׳שלאָפט די שטאָט פון ראָמאַנס.
זי שלאָפט נישט, מאַדריד — זי איז ניכטער.
מיט אָפענע אויגן, מיט נערוון געשפאַנט,
מען וואַרט אויפן קנאַל, דעם ציטער פון וואַנט,
דעם מאַשין־ביקס געשטעפ אויף פאַרניכטער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַרמאַנדאָ ליגט אין זײַן צימער אַליין,
די אויגן אין טונקל פאַרבויערט;
ער הערט דורך אַ שפּאַרע אַ פאַרהאַלטענעם כליפּ —
די מאַמע — זי בײַסט דאָרט ביז בלוט זיך די ליפּ —
זי שעמט זיך פאַר אים מיט איר טרויער.

ער טראַכט פון זײַן פאָטער, דעם טונקעלן שמיד,
ער טראַכט — און זײַן האַלדז ווערט פאַרצויגן.
אים דאַכט זיך — ער הערט אַ פּלוך און אַ קנאַל,
ער זעט אים, דעם פאָטער, פאַרבלוטיקט ביים פאַל —
און שליסט אַזש אין טונקל די אויגן.

דער עלטערער ברודער איז אויך שוין אַוועק,
די ביקס פונעם פאָטער פאַרנעמען...
איז ער מיט דער מאַמען געבליבן אַליין.
איצט הערט ער — זי שטיקט דאָרט אין זיך דאָס געוויין.
— נו, זאָל זי, ער וועט זי מיט טרייסט נישט פאַרשעמען.

ער טראַכט: ס'איז דער שכן, מאַריאַ, אַוועק —
פון האָליץ־הויף דער אָרעמער וועכטער —
עס הענגט אויף דער טיר קעגנאיבער אַ שלאָס —
געזעגנט זיך קורץ: פּראָנט ראָכאָ! אַדיאָס!
און אַוועק — מיט ווייב, מיט זון און מיט טעכטער.

און ער איז קיין זעכצן — ניין, זעכצן שוין:
ער פילט זיינע מוסקלען די האַרטע.
און אָנגעשטרענגט טראַכט ער, טראַכט אַזוי לאַנג —
ס'רייפט זיך אַ פעסטער באַשלוס פון געדאַנק —
ס'איז שווער שוין דעם מאָרגן דערוואַרטן...

פאַרטאָג האָט ער שטיל אַ פּאָר זאַכן פאַרפּאַקט:
געשאַרט זיך אין שטוב אויף שפּיץ־פינגער:
— ער קען איר נישט זאָגן, ער האָט נישט דעם מוט.
זי וועט אים פאַרגעבן. ער ווייס — זי איז גוט.
אַ וואָרט אויף פּאַפּיר בלויז — ס'איז גרינגער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דורך קנוילן רויך — אַ וואָוט־געשריי,
אַ שמעטערדיק קראַכן אויף שטיינער.
ס'פלאַמען דעכער, ס'פאַלן ווענט,
ס'גאַנצע דאָרף איז העל צעברענט —
און קלאַס אויף קלאַס אין געפעכט מיט מעסער און מיט ציינער.

און העלער נאָך ווי ס'גאַנצע דאָרף —
אין אויגן צעפלאַקערט דער האַס איז.
אַ רויטע פאָן פליט שטאָלץ אין ווינט —
ס'טראָגט זי אַ אינגל, כמעט נאָך אַ קינד —
אין געדיכטקייט פון ברויזיקער מאַסע.

ס'איז אַרמאַנדאָ, האַלב נאַקעט, ווי אין קוזשניע ביים פלאַם:
די טונקעלע אויגן פאַרלאָפן,
וואַרפט ער זיין לעבן אין בלוטיקן קאַן —
אַ לעמפּערט אַ יונגער, ער קעמפט פאַר זיין פאָן —
אַ מעסער — זיין איינציקער וואָפן.

ס׳פלאַטערט די פּאַן און ס׳טראָגט זיך זיין קול:
פּאַרויס! חברים, פּראָלעטן!
געוואונען אַ הויז און אַ גאַס און — פּאַרויס!
דורך בלוט און דורך פלאַמען אַ הויז נאָך אַ הויז —
„וויוואַ! דעם שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט! וויוואַ דעם לאַנד פון סאָוועטן!"

געוואונען אַ גאַס: אַ הויז נאָך אַ הויז —
און ס׳ליגט באַריקאַדע אַ גרענעץ,
דער שונא פון פאָלק — מיט פאַרצווייפלטנס מוט —
פאַר יעטוועדן שפּאַן האָט אויפגעמאָנט בלוט:
אַ לעבן — פאַר איטלעכן פענעץ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אַ שטילע זומער־נאַכט.
דאָס בלוט אויף ערד פאַרגליווערט. דאָס בלוט פון נאָך אַ שלאַכט.

אַ שטערן־פולער הימל בלישטשעט פרידלעך־שטום.
בראַנד גערוך פון חורבות — טויטע רונד־אַרום.

אַ מתים־באַריקאַדע, פון גאַס די פולע ברייט —
מיט שענסטער פרייהייט־זריעה די ערד פון דאָרף פאַרזייט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ליגט די נאַכט אַ שטילע, מיט שטערן איבער טויט.
און פּלוצים — עפּעס רירט זיך אין הויכן מתים־פּלויט.

אַ קאָפּ. דער גלאַנץ פון אויגן — צוויי פלעמלעך פול פאַרדאַכט —
מיט פאָרזיכט איבער טויטע עס שלייכט אַ מענטש דורך נאַכט.

ס׳איז דער יונג, ערמאַנדראָ, דאָס אינגל פון מאַדריד —
אין קאָפּ אַ שווערער זשומען — נאָר גאַנץ איעדעס גליד.

די ברידער־באַריקאָדע — די הויכע מתים־וואַנט —
האָט אָפּגעהיט זיין לעבן — און ווידער רופט דאָס לאַנד.

זיין האַרץ — דעם פּאַטערס האַמער — שמעטערט אין דער ברוסט
און ס'פּיבערן די אויגן מיט הייסן לעבנס־גוסט.

מיט פּעסט־פּאַרשטייפטע ציינער, דאָס מעסער אין דער פויסט:
ביז צו יענע בוימער: ביז צום וועלדל בלויז.

און וועט ער עס באַווייזן — זיין מעסער טוט אַ בליץ —
איז איידער נאָך ס'וועט טאָגן דערגרייכט ער די מיליץ.

און שנעלער קריכט אַרמאַנדאָ, דער שלאַנקער שמידער־יונג —
ער וועט זיין לעבן היטן. אָט איז דער וואַלד — אַ שפּרונג.

און ס'דאַכט אים — די טויטע חברים ווינקען: אַרמאַנדאָ, ס'איז גוט!
און הויבן אין מעכטיקן שווייגן די פויסטן צום רויטן סאַלוט.

שפּאַניש וויג-ליד

שלאָף מיין קינד, מיין זון, מיין שיינער,
ס'פאַלט די נאַכט שוין צו.
ס'שלאָפט דיין טאַטע אויך שוין, קינד מיינס —
אייביק איז זיין רו.

ער, דיין טאַטע, איז געפאַלן
געגן נאַכט — מיין קינד;
דאָרט, וואו ס'איז זיין בלוט געפלאָסן,
האָט געוויינט דער ווינט.

דאָרט, וואו ס'איז זיין בלוט געפלאָסן,
פּאַשען נישט קיין שאָף —
אויף דעם פעלד דאָרט ראָבן שרייען —
שלאָף־זשע, קינד מיינס, שלאָף...

ס'איז דאָס ליכט אין שטוב פאַרלאָשן —
ברענט דיין מאַמעס בליק —
שלאָף, זי וועט אַ ליד דיר זינגען,
וואַכן ביי דיין וויג.

שווער און פינצטער איז דער הימל —
נאָר דיין מאַמע וואַכט:
בייזע פייגל, קינד מיינס, רוישן
איבער אונדזער דאַך...

בייזע, ווילדע פייגל, קינד מיינס,
מיט אַ וויסט געשריי —
און זיי וואַרפן פלאַם אויף שטיבער:
ס'פליט דער טויט אין זיי...

יענע בייזע פייגל שלאָגן;
היטן אונדז פון שרעק,
מיט פיל טויזנט טאַטעס, קינד מיינס,
דיין טאַטע ז'אויך אַוועק.

שלאָפט ער איצט שוין אייביקט, קינד מיינס —
אייביק איז זיין רו —
מאָנען חשבון, זון מיין שיינער,
פאַר זיין בלוט וועסטו!

אַ בריגאַדיר דערציילט

I

עס שלייבן אין שפּיטאָל די זיפּצנדיקע נעכט,
ווי פּאַרוואונדעטע,
וואָס קריכן שווער, דורך פינצטערניש,
אויף בלוטנדיקע בייכער.
יעדע רגע הייִלט —
יעדע רגע ברעכט —
אַ מינדסטער אבר,
מאַכט דאָ איינעם פונעם צווייטן
אויף אַ לעבן —
אויף אַ גאַנצן לעבן רייכער...

גרויזאַם־שטיל, אין רוי־פלייש פון די וואונדן,
פּולסן — פּיבערדיקע זייגערס —
קלאַפּן אויס די פּיינלעכע מינוטן.
דאָ הענגט דער טויט, דאָ הענגט דאָס לעבן
אויף סעקונדן;
דאָ שטייט די אייביקייט ביי יעדן בעט צוקאָפּנס
און וואַרט
עס זאָל אַ העלדן־האַרץ פאַרבלוטן.

ס'איז זומער.
די זון וועט אויפגיין פרי אויף הימל־ראַנד.
אינדרויסן
וועט דער ים אין גאָלד זיך טוקן.
ליגט וואַך דאָ אַ סאָלדאַט —

אַ פרעמדער אינעם לאַנד —
וואָס האָט צום פרייהייט־קאַמף
געבראַכט אהער זיין יונגן, געבראַכט אהער
זיין גלייכן רוקן.

ער טראַכט, דער יונגער מענטש,
ער שמייכלט צו דער נאַכט;
ער הערט צום ווינט,
צום ים־רויש,
צו דעם טונקל־שווערן דרויסן —
ער וואָלט געוויינט אצינד,
ער וואָלט אצינד געלאַכט
און מיט די קוליעס ביי זיין בעט
וואָלט ער די פינצטערניש אָט־איצט,
וואָלט ער די קראַנקע לופט פונעם שפּיטאָל צעשטויסן.

אין אויער זשומען נאָך דעם דאָקטאָרס שטילע רייד:
— די קוליעס וועסטו שוין אויף לאַנג ניט דאַרפן...
האַמערט איצט זיין האַרץ
אין העלער לעבנס־פרייד:
עס וואַרט פאַר אים דער פראָנט:
ער וועט אויפסניי אין שלאַכט,
ער וועט אויפסניי
זיך קעגן שונא קענען וואַרפן!

ליגט ער וואַך און האָרכט,
דער יונגער בריגאַדיר,
און וואַרט מיט אומגעדולד
עס זאָל אין פענצטער זיך דער טאָג צעבליען:
היינט
עפנט זיך פאַר אים — נאָך לאַנגער צייט — די טיר!
ער רירט די קוליעס אָן —
וועט ער צום ים־ברעג גיין...
און ס'שטייגט זיין פרייד און וואַקסט,
נעמט די אויגן אַזש מיט פייכטן גלאַנץ פאַרציען...

II

ווי גוט עס איז דער ווינט, דער זאַלציקער, אין האָר!
ווי גוט עס איז
דאָס זון־ליכט אויפן פּנים!
דער יונגער בריגאַדיר טראָגט זיינע צוואַנציק יאָר
אויף קוליעס צו דעם ברעג. ער טראַכט:
שטאַרבן? —
שטאַרבן ווילן בלויז נאַראָנים!

ער זעט דעם כוואַליע־שוים, ער הערט די מעוועס שרייען:
זיינע אויגן
נעמען איין די ווייטסטע רוימען;
ער אָטעמט טיף די לופט, די זון אין זיך אריין
און פילט די לעבנס־פרייד —
דעם הייסן שטורעם־ווינט —
אין אַלע גלידער שוימען...

III

ניט ווייט פונעם שפּיטאָל, ביים ברעג — אַ ליכטיק הויז.
די זון ברענט היים.
אינמיטן שליאַך עס טאַנצט אַ רעדל קינדער.
דעם מוט פון זייער לאַנד — זיי זינגען אים דאָ אויס —
זיי טאַנצן די „סאַרדאַנאַ" *)
און ס'גייט דער קאַראַהאָד אַלץ פריילעכער, געשווינדער.

זיי קומען פון דער ווייט — פון אַלע עקן לאַנד —
פון אומעטום, וואו ס'האָט דער פיינט
מיט בליי אויף זיי גערעגנט.
ווער קיין פאָטער מער, ווער קיין מוטער מער
זיי פירן ביי דער האַנט —
נאָר ס'האָט אַ צאַרטע ליבשאַפט דאָ אין הויז
זיי אויף דאָס ניי באַגעגנט...

---

*) אַ שפּאַנישער נאַציאָנאַלער טאַנץ.

טאַנצן זיי און זינגען פריילעך אויפן שליאַך
און שמייכלען הנעוודיק מיט טיפקייט טונקעלער פון אויגן.
עס לאַכט דאָס גאָלד אויף זיי פון ענדלאָז־בלאָען דאַך,
ס'טאַנצט מיט זיי די ערד,
וואָס האָט מיט הייסע בריסט
די טאַטעס זייערע, די זיידעס זייערע געזויגן...

אינמיטן פוגעם קרייז — צוויי צעפּ, אַ שוואַרצער קאָפּ;
ס'ווירבלען ברוינע פיס דעם שטויב אין דינע שלייערס;
אַ באַגלעקלטער בראַסלעט אויף האַנט
קלינגט יובל־ליכטיק אָפּ —
עס ליגט די וועלט פאַרוים!
דאָס לעבן — עס איז זייערס!

IV

דער יונגער בריגאַדיר אויף זיינע קוליעס הינקט
און ס'טראָגן זיך צו אים די גלעקלדיקע קלאַנגען —
און דאָרט, וואו לעבן טאַנצט,
און דאָרט, וואו לעבן זינגט —
פון דאָרט
איז ער נאָך קיינמאָל ניט אַוועקגעגאַנגען.

ער קען דאָס שיינע ליד; ער זעט דעם קאַראַהאָד;
ער איילט זיך ניט —
ער וועט אים באַלד דערגרייכן.
נאָר איינמאָל שטעלט ער אָפּ זיין הינקעדיקן טראָט —
ער הערט אַ ווייטן זשום
און מעסט די הויכקייט אָפּ —
פאַר אים איז יעדער זשום שוין — אַ סכנה־צייכן...

און ווייטער אויף קוליעס הינקט דער בריגאַדיר
און בויערט איין דעם בליק
אין הימלדיקע ווייטן,
זיין יעדער חוש איז וואַך —
ער האָט געפּאַר דערשפּירט;

ער ווייס
וואָס עס קען אַ זשום אַזאַ באַדייטן...

און פּלוצים —
ווי ס'וואָלט די זון געטאָן אַ שאַרפן שפּיי —
ער זעט דעם עראָפּלאַן פון העלע הויכן יאָגן;
ער הויבט די קוליעס אויף מיט הילכיקן געשריי,
ער פּרואווט זיך טאָן אַ לאָז
צום קינדער־קאַראַהאָד — און פאַלט:
די וואונדיקע צוויי פיס, זיי קענען אים ניט טראָגן.

עס טוט אַ סווישטש די לופט: די ערד טוט זיך אַ וויג:
דונערדיק דער רוים ווערט אויפגעריסן —
און ווי אינמיטן קאַמף, אינמיטן ברען פון קריג,
ווען ס'רייסט אויף אַ גראַנאַט,
האָט ער זיך אין די הרודעס,
אין דער ערד אַריינגעביסן...

V

די לופט איז ווידער שטיל.
ווידער בלוי דער רוים.
ווי פון אַ וויץ אַ קלוגן
לאַכט די זון אַרונטער.
עס קייכט ביים ברעג דער ים,
פאַרגייט זיך אין זיין שוים —
און די גאָלד־געטוקטע כוואַליעס פּליעסקען,
פּליעסקען אַזוי מונטער...

אינמיטן פונעם וועג — אַ ברוינע קופּע ערד.
אויף קוליעס צוויי, ניט ווייט —
אַ זעלנער אַ דערשטאַרטער.
דאָס פּנים זיינס איז בלייך, עס גלאַנצט זיין בליק פאַרטרערט —
וואָס שטייט ער אַזוי שטום,
וואָס זעט ער דאָרט —
וואָס וואַרט ער...

א קופּע ברוינע ערד —
און ס'טאַנצט דער טויט אויף איר
א גרויליקע „סאַרדאַנאַ"
אין בלוט פון קינדער־גלידער!
פאַרגליווערט אויף די קוליעס שטייט דער בריגאַדיר —
צי וואַרט ער פאַר אַ נס?...
צי וועט פון אונטער שטויב
דער העלער לידער־קלאַנג
זיך ניט צעקלינגען ווידער?...

א באַגלעקלטן בראַסלעט, אַ קליינע ווייסע האַנט
עס זעט דער בריגאַדיר, אַ שטיקל בלייכן שטערן...
און הייליק ווערט די ערד אים
פונעם פרעמדן לאַנד —
און איבער בלייכע, קאַלטע באַקן —
רינען,
רינען זיינע טרערן . . .

דאָס ליד פון „פּיער־לעשער‟

דאָס ליד פון „פייער-לעשער" *)

איך בין דער פייער־לעשער — איך לעש מיט פלינקער האַנט —
איך לעש מיט שוויים פון שטערן — דעם שוואַרצן פעלצן־בראַנד.

איך בין דער פייער־לעשער פון האָזן־הויט און פוקס —
דער בראַווער פייער־לעשער פון וואָלף און טכויר דע־לוקס.

דער פייער־לעשער בין איך — דער העלד פון אַ סעזאָן! —
פון יולי ביז אָקטאָבער שטיי איך אין הייסן קאָן.

איך דאַרף קיין אַפּאַראַטן, קיין לייטערדיק געשטעל —
איך דאַרף בלויז אַ מאַשינקע פון אַזאַנ'שן מאָדעל.

איך בין דער פייער־לעשער מיט פעל־געגורטן שווים —
איך לעש מיט בלאַנקער נאָדל דעם הייסן זומער אויס.

אַ מעסער אַ האַרבאַטן, אַ שאַרפן פינטשער־שפּיץ;
מיין העכסטער קאַפּיטאַן — סער מאָרים הוירשקאָוויץ!

ער טראָגט אַ שטייפן קאָלנער, אין שניפּסל אַ בריליאַנט —
און איך, זיין פייער־לעשער, הייס ביי אים: „מיין האַנט."

איך האָב נישט ליב דעם נאָמען — ער האָט נישט קיין פּאַסאָן —
פאַר מיר, אַ פייער־לעשער! — דער העלד פון אַ סעזאָן!

נאָר ס'האָבן מיינע „ליבעס" פאַר אים ניט קיין באַטרעף —
פאַר אים בין איך אַ לעשער און ער — דער גרויסער שעף!

---

*) „פייער-לעשער" — אַן אויסדרוק, וועלכן ס'באַנוצן אָפּט די פעלץ-אַרבעטער פאַר אַזעלכע באַלמעלאָכעס, וואָס ווערן באַשעפטיקט בלויז אין סאַמע ברען פון סעזאָן. דאָס זיינען מערסטנס אַרבעטער, וועלכע זיינען באַקאַנט צו די באַלעבאַטים פאַר זייער מיליטאַנטישקייט און יוניאָן-אַקטיוויטעט.

פאַר הייסן אימפּעט מיינעם — ער צאָלט מיט קאַלטן „קעש".
מיין העכסטע פליכט איז לעשן; איז לעשער בראַווער, לעש!

איך דאַרף ניט קיין סירענעס, איך דאַרף קיין רויטן ראָק —
דער פולס אין מיינע שלייפן איז מיין סיגנאַל, מיין גלאָק...

איך בין דער פייער־לעשער מיט פעל־געגורטן שוים —
ס'לעשט מיין הייסער אימפּעט מיך אָפּט אַליין האַלב אוים...

איך מוז מיין קראַפט באַווייזן, מיין ווירדע און מיין מוט —
מיין קאַפּיטאַנס אַ האַנט מוז ווייסן וואָס זי טוט...

איך בין דער פייער־לעשער! מיין שטאָלץ — דאָס איז מיין שטאַם!
דער שטאַם פון יענע לעשער — וואָס איז אַליין אַ פלאַם!

פון יענע לעשער בין איך, וואָס שטייען אין געפּעכט
אַנטקעגן גאַנצן סדר פון וואָלפישן געשלעכט;

פון יענעם פאָלק, דעם בראַון, איך בין דאָס פלייש און בלוט!
מיין שטרענגער קאַפּיטאַן, מיין שעף — ער ווייס דאָס גוט...

פון יולי ביז אָקטאָבער בין איך דערפאַר „זיין האַנט" —
דערנאָך קריג איך מיין אורלויב, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר מיין שטאַנד.

פאַרברענג איך אויף די ראָגן, מיט לעשער נאָך אַ סך —
אַ האַרבסטיק־פרייער פויגל — ווער פרעגט צ'ער דאַרף אַ דאַך...

די גאַנצע שטאָט איז מיינע; מיינס דאָס גאַנצע לאַנד!
פון האַרבסט אַזוי ביז זומער, ביז נייעם פעלצן־בראַנד!

דאַן קומט אַרוים אויף ראָגן מיין שעף, מיין קאַפּיטאַן:
„הערשטעלט! מיין פייער־לעשער!" „מיין שעף, איך בין פאַראַן!"

דאַן גורט איך מיינע לענדן צום ווילדן לעש־באַפעל —
איך דאַרף קיין גומי־שלויכן, איך דאַרף קיין וואַסער־שטראַל;

איך לעש מיט בלוט פון אויגן! איך לעש מיט קריץ פון ציין!
און בלויז מיין האַרץ עס לעשט ניט, מיין האַרץ — עס ברענט אַליין!

ש י ם! *)

פּעל, פּראָסטע פּעל.
דאָ א פּליכל, דאָרט א ריס.
נאָר קוים סאָרטירט און צוגעשניטן,
איז — „נאַ, אָפּעריייטאָר, שים!"

„אַט אַזוי, דעם „טענשאָן" האַרטער,
מאַך די צאַקן גלאַט און דין.
„מעינטינג": פלעכט נישט איין קיין הערלעך
און פאַרקראַפּע נישט דעם „סים".

„אויב געניית, זאָל זיין געפאָרן,
די מאַשין זאָל גיין „לאַיק העל".
שלעכטע צייטן! אַן „אַפּרייטער"
מוז היינט זיין אי גוט, אי שנעל."

שים, אָפּערייטאָר, ניי וואָס גיכער!
א באַפּעל פון „באָום ענד גרין",
ווער איך באַלד א כישוף־מאַכער
און ס'צעזינגט זיך מיין מאַשין.

שאַרף דאָס מעסער, „פּינטשער" שפּיציק,
שנייד, און פלינק די האָר פאַרשאַר.
אויב געניית, זאָל זיין געפאָרן...
קריגסט באַצאָלט דערפאַר!

„פּלענטי פערד פאַראַן אין מאַרקעט."
באַלעבאָס רעדט גיפטיק־זיס.

*) צוליב דער גאַנצקייט פון אַט־דעם קאַפּיטל האָב איך אַריינגענומען פון מיין בוך „וווּזערס" די דריי שאַפּ־לידער — „שים", „פאָריער ביי דער אַרבעט" און „ביים מאַשין".

ליג־זשע איינגעלייגט אין דרייען,
פרעג קיין שאלות נישט און שים!

דאכט זיך, פּעלצן, טויטע חיות,
אָבער, ברודער, סאַראַ ציין!
יעדער צאַקן אין דעם לעדער —
קען אַ בּיס טאָן ביזן ביין.

יעדער צאַקן אין דעם לעדער
לאָזט אַ שראַם אויף דעם געמיט!
אַ, אַפּערייטאָר, ברודער מיינער,
ווייסט דאָך ווי עס בריט.

עס, אַזוי אַמאָל אַ זעץ טאָן
מיט געצייג און פעל צום דיל!
„אויב געניים, זאָל זיין געפאָרן...״
ווער קען בלייבן שטיל!

„פּלענטי פערד פאַראַן אין מאַרקעט!״ —
טרעט מען, טרעט מען מיט די פיס —
עך, אַפּערייטאָר, אויב געשאָסן
איז געשאָסן — — — שיס!

אינדערוואָכן

פאַרטאָג. מעטאַלענע טרעלן וועקן מיך אויף.
אַ חלום צעפּאַלט זיך אויף שפּליטער.
אַ שפּרונג פונעם בעט. די קליידער אַרויף.
יעדע באַוועגונג — האַסטיק, איך לויף —
די שעה האָט בלויז זעכציק מינוטן —
און יעדע פון זיי איז מיין היטער...

מאַכט זיך: כ'טרעף ביי מאַשינען אין שאַפ שוין די הענט —
באַגריסט מיך אַ פינצטערע מינע:
צי האָב איך נישט פריער אויפשטיין געקענט?!
ער האָט פאַר די זאַכן אַ גוטן פאַטענט...
און ס'טוט אַזש אין פויסטן אַ ברי
פונעם גיפט אויף די ליפּן די דינע.

כ'ווייס: נישט אויף לאַנג — אַ חודש, צי צוויי —
כ'וועל מיט מאַשין זיך צעשיידן...
נאָר יעטווידע וואָך, יעדער טאָג ביים גנייי —
אַן אָנבייס, אַ מלבוש, אַ צימער — פאַר צוויי —
אַ מענטש דאַרף זיך קענען באַשרענקען —
אַהאַ, ווי איך בין באַשיידן!

אָט באַלד קומען אָן מיינע „גאָלדענע טעג"
און פריי וועל איך זיין, ווי אַ שפּאַרבער...
ביים וועקער ביי מיינעם וועט אויך ווערן „סלעק",
נאָר ער וועט געדולדיק, מיט שטויבלעך באַדעקט,
קוקן, מיט נאַרישע אויגן,
ווי כ'ווער אַלץ ביטערער, האַרבער.

איז רייסט מיך פון שלאָף זיין מעטאַלענער טרעל
און שפּליטערט אַ חלום צום טייוול —
שלינג איך אַראָפּ דעם פלוך אין מיין קעל:
אַ זייגער, וואָס ווייסט ער — אַ מעשענע זעל —
און ס'אַרט אים נישט — דורכגיין אַ לעבן
אַזוי — צישן שרויפן אַ שרייפל...

אַן אַרבעטלאָזער

שלאָפלאָזע
ציִען זיך לאַנגע ווינטער נעכט.
פון וואַנען אַזאַ אומרו אין געהירן?
נערוון צוקן אין צעשפּיזלטן געפעכט:
צעפּאָלאָשעטע גערדאַנקען
קרייצן זיך און גאַלאָפּירן.

פאַר מיין פענצטער קנאַקט די קעלט.
פראָסט קלעפּט האַרט אויף מיין געלעגער.
דורך אַ וואָלקן־ריס אַ העלער שטערן קוועלט.
מיט אומעט־קלאַנג מיט הוילן
פאַלן שעהען נאַכטיקע פון טורעם־זייגער.

כ׳הער: פון שטאָט דאָס הייזעריקע כריפּען;
די הויכבאַן רוישן איבער גאַס פון „וואַגאַבונדן";
דורך דינער וואַנט — אַן איינגעהאַלטן כליפּען...
און ס׳שלייכט נאַכט אויף דריבנע טריט
פון קאַלטע גרויזאַמע סעקונדן.

אויפשטיין וועל איך מאָרגן שפּעט.
כ׳וויים — איך האָב זיך נישט צו וואָס צו איילן...
איינגעקנוילט אין שמאָלקייט פון מיין בעט —
קעגן זיך אַליין
וועל איך די אַרבעט־אָפּגעוואָוינטע פויסטן ביילן.

מיטאָג־צייט וועל איך זיך אויפפלאַנצן ביים ווינט־געבייטשטן ראָג
און „פאַרברענגען" דאָרט מיט מיינע גוטע ברידער —
אפשר וועט דאָס זיין מיין גוטער טאָג...
און טאָמער נישט — איז מאָרגן . . . מאָרגן...
ס׳איז אַ ראָג, וואָס שטענדיק קומט מען צו אים ווידער...

ביינאַכט, אין שטומען פּיין,
צעביים איך ווידער מיינע ליפּן
און הער: ס׳פאַלן פונעם טורעם־זייגער
שעהען . . . הוילע קלאַנגען.
דורך דינער וואַנט — אַן איינגעהאַלטן כליפּען...
און איך — אַ טייך אַן אויפגעשוואָלענער ביז איבערגיין —
האַלט דעם אויסברוך אין מיין פויסט געפאַנגען.

איזע

ס'איז זיין הויט שוין געווען ווי פאַרטריקנטע קאָרע:
זיין פּנים — גראָ,
ווי דער בירזשע־אַספאַלט:
ווי אַן אַלטע צווייג, צעבויגן־פאַרדאַרט,
צעקרימט זיין הויכע געשטאַלט.

וואָך איין, וואָך אויס,
יאָר איין, יאָר אויס,
איז ער געזעסן מיט פּעלצן מיט שווערע אויף שויס:
געזעסן אין פינצטערסטן ווינקל פון שאַפּ
און געיאָגט זיך צום טעמפּאָ
פון באָס' „האַריאָפּ!"
געהאָרכזאַם געקוקט
אין זיין רוצחישן בליק:
שטענדיק דערשראָקן,
שטענדיק געדריקט.

„איזע, ס'ט היינט סטאַפּן."
„איזע, קום מאָרגן."
און „איזע, וועסט בלייבן היינט נאָך אַ פּאָר שעה."
„איזע נבלה!"
איזע! איזע!...
און ער — האָט אויף אַלץ
אַ דערשראָקענעם: יאָ.

אַמאָל איז איזע געווען אַן אולאַנער:
„טשאַפּקי נאַ באַקיאַר":
אַ יונג —
אַ גיגאַנט.
ער האָט מיט אַ שמייכל זיין בילד מיר געוויזן:
„יאָ־יאָ, דאָס בין עך."

און ליכט, זייער ליכט
האָט געציטערט זיין האַנט.

„אַמאָל בין עך אויכעט געווען אַ קנאַקער.
אַמאָל בין עך אויכעט געווען ווי די.
איצט בין עך עלטער,
איצט איז „פּאַוואָליע".
און ער טוט מיט די אַקסלען די דאַרע אַ צי.

איצט איז ער „עלטער".
איצט איז „פּאַוואָליע".
און אין שאַפּ איז די אַרבעט געפלויגן פון האַנט.
דער באָס האָט געטריבן
און ער איז געלאָפן:
זיך אָפּגעשטעלט בלויז —
ווען מען האָט אים דערמאַנט...

האָט געטראָפן —
דער באָס האָט זיך איינמאָל צעשריען:
— איזע, דו פערד איינער!
דו סאָנאָוואַביטש!
אָט־דאָס הייסט „געפינדעשט"?!
דאָס הייסט ביי דיר אַרבעט?!
קאַליקע וויסטע!
דאָס רופסטו אַ „סטיטש"?!

האָט זיך אַ ריס געטאָן סעמי,
דער „טשערמאַן" פון שאַפּ,
און אַ זעץ געטאָן בייז
מיט אַ שפּול אין מאַשין —
און שאַרף האָט זיין קול זיך צום באָס־צו געטראָגן:
— נישטאָ דאָ קיין פערד!
דאָ אַרבעטן מענטשן —
יוניאָן מענטשן!
געדענקט, מיסטער גרין!

נאָר דאָ האָט שוין איזע דעם קאָפּ אויפגעהויבן
און אָנגעקוקט סעמין מיט כעס — און געבעט:
— וואָס מישטע זיך, סעמי,
ס'איז דאָנע געשעפטן?
צו מיר —
צו מיר האָט מיסטער גרין דאָס גערעדט. . . .
— — — — — — — — — — — — — — —

איזע האָט אַ הייזקע געהאַט שוין אין בראָנזוויל,
אַ ווייב
און קינדערלעך עטלעכע אויך.
איז געקומען אַ סטרייק —
האָט איזע געוואָרטשעט:
„און פּיקעטן גיין —
אַז עך האָניש קאָן כוח!" —

אין מארקעט — געקומען.
געשטאַנען ביים „קאָרנער",
באַגעגנט דעם באָס —
מיט אַ דערשראָקענעם בליק.
ווי איינער רעדט:
וואָס בין איך שולדיק?
ווען ס'זאָל זיך ווענדן אָן מיר,
וואָלט איך געגאַנגען צוריק...

און גערעדט האָט ער דעמאָלט
מיט ווערטערלעך קלוגע:
— אודאי, דיר גייט גאָרנישט ניט אָפּ.
פאָלג מיך, מען דאַרף „צעטלען"!
וואָס גיכער איז בעסער.
אַ רענדל אַראָף, אַ רענדל אַראָפּ.

„אַ רענדל אַראָף, אַ רענדל אַראָפּ" —
און ווידער זיצט איזע מיט פּעלצן אויף שוים;
און ווידער אָן „אָוועטיימל" געגנבעט,
און שבת און זונטיק —
אַ „דזשאָבל" אין הויז...

נאָר טרוקענער אַלץ זיין הויט איז געוואָרן;
גראָער זיין פּנים פון בירזשע־אַספאַלט —
און איזע האָט אַ ווייב
און קינדערלעך קליינע —
און איזע — ניין,
איזע איז ווייט נאָך נישט אַלט!

נאָר דער באָס האָט געטריבן
און ער איז געלאָפן.
אין שאַפּ איז די אַרבעט געפלויגן פון האַנט:
ער מוז זיין דער בעסטער.
ער מוז זיין דער שנעלסטער.
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בלויז —
ווען מען האָט אים דערמאָנט.

דאָס האַרץ האָט געזעצט,
די שלייפן געהאַמערט.
געקלעפּט האָט אין מויל צום גומען די צונג;
דער באָס האָט געיאָגט
און ער איז געלאָפן —
נישט געוואַגט זיך צו שטעלן גיין נעמען אַ טרונק.

און אין אַ טאָג אַ צעגליטן,
אַ זומערדיק־שווערן,
האָט איזע געשלעפּט זיך פון סאָבוויי אַהיים:
געציילט אין געדאַנקען די „קאָוטס" און די „ליינינגס"
און שווער געאָטעמט, געפּרייכט דורך די ציין:

מאָרגן איז שבת — וועט ער מאַכן אַ „דזשאַבל" . . .
מאָרגן איז . . . מאָרגן . . . איז . . .
מאָרגן . . . איז . . . שאַ . . . . .
מאָרגן איז אויס! —
דער באָס האָט געטריבן
און ער איז — געפאַלן . . .
געלאָזן די קינדער, דאָס ווייב און דאָס הויז.

אין פּענטעס

ס'איז מיין אומרו אַ בייזע געפּענטעט אין שטריק:
מעסט איך די בירזשע מיט וואָלפישן בליק.
וואַרט איך ביים ראַנג מיט פאַרשטשעמעטע ציין:
ביז ווען! ווי לאַנג איז דער שיר דאָ צו שטיין!

ווי צעבויטעטע כוואַליעס אין ברוויזיקן כעס,
עס הוקעט און מרוקעט און וואַרפט זיך די גאַס:
אַן ענדלאָזער שטראָם. אַ וויכער ווירוואַר.
שיפּברוך ביי ראַגן און שטומפּיקער צער.

ס'איז ברוגז די לופט דאָ און בייז איז די זון;
די ווענט און די שטיינער — ווי הייסער טשוהון.
און שטענדיק דאָ לויערט, מיט פאַרגאָסענעם קאַרק,
גיריק נאָך פּראַס — דער שאַקאַל פונעם מאַרק.

דאָ נאָגט ער, דאָ יאָגט ער, דאָ קויפט ער פּאַרראַט —
אַ פולער ביז פּלאַצן און קיינמאָל נישט זאַט:
שלינגט און ברעכט אויס אין פּרעס־גיריקער וואוט,
האָוועט פאַרשמייעט — גיב אים דיין בלוט!

גיב אים דיין מאַרך, דיין קראַפט און דיין קאָפּ —
ער שמעלצט עס אויף גאָלד — און גאָלד איז דער טראָפּ.
בראַזג פון מאַשינען און ווירבל־ווירוואַר —
דאָס איז זיין שמעלץ־טאָפּ — ער איז דער האַר.

איז מיין אומרו אַ בייזע. איז מיין אומרו צעפּלאָמט.
ס'איז שווער מיר צו וואַרטן! ס'איז שווער מיר . . . פאַרדאַמט!
ס'זיינען טעג אויף דער בירזשע — ווי בליי אין געניק.
ביז ווען! ווי לאַנג האַלטן בייזקייט אין שטריק!

וואַרפן זיך אומרוס אין וויכער־געדריי —
טויזנטער אומרוס — און איך צווישן זיי.
און יעדער פאַר זיך. און יעדער אַליין.
ביז ווען! ווי לאַנג איז דער שיר דאָ צו שטיין!

דער אַלטער נאַגלער

ס'זיינען לייבקע מ'נאַגלערס הענט שוין געוואָרן איידל־ווייך
און דאָס שטענדיק רויטע פּנים — קניטשן־ביטער, הונגער־בלייך.

שטייט ער יעדן טאָג אויף בירזשע פּראָסט־פּאַרציטערט, ווינט־פאַרטרערט.
אַז ער רעדט — איז שטיל, מיט ווייטיק: אָט־אַזוי איז מיר באַשערט...

„איך בין, זאָגט ער, שוין פאַרפאַלן. כ'האָב שוין אָפּגענאַגלט מיינס.
אָפּגעשפּילט און אויסגעשפּילט — מיר איז, ברודער, שוין אַלצאיינס.

„פרעגסט פאַרוואָס? ס'איז זייער פּשוט: קוקסט מיך אָן—אַן אַלטער מאַן!
אַ פערד אָן ציין. ווער דאַרף מיך האָבן? ווינציק לאַשעקעס פאַראַן!

„און גענאַגלט האָב איך, ברודער, נישט פאַר איינעם נאָר פאַר צוויי!
אויסגענאַגלט זיך אַן עלטער — אַזאַ מזל שוין אויף זיי!"

און ער קוקט אויף די געביידעס, וואו ער קאָן איעדן שאַפּ;
אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן. איצט — כאָטש צאָל זיי פאַר אַ דזשאַב.

„וואָס איך טו און ווי איך לעב? אָט, איך דריי זיך אַרום „טרייד".
ווסמער פעדל איך מיט אייזקרים; ווינטער — זעסט דאָך ווי עס גייט..."

און מיט גלייכגילט מיט געמאַכטן, מיט אַ ביטערן „אַלצאיינס",
זאָגט זיך לייבקע אָפּ פון לעבן: „כ'האָב שוין אָפּגענאַגלט מיינס."

זאָגסט אים עפּעס, ווילסט אים עצהן, מאַכט ער: „ניטע, ס'איז אומזיסט.
מיך ווערסטו נישט איבערמאַכן; כ'וועל נישט זיין קיין קאָמוניסט.

„כ'בליים די באַלעבאַטים טאַקע. כ'האָב זיי טאַקע טיף אין דרערד!
נאָר פאַרפאַלן. ס'איז אַ גאָט־זאַך: אָט, אַזוי איז מיר באַשערט..."

ביי דער מאַשין

באַלד הורקענדיק,
באַלד גלאַטיק־דין,
גראַגערט, זשומעט די מאַשין.
הין און קריק די נאָדל שנעל —
שוואַרצע פאָדעם העפט די פעל.
הענט פאַרהאָריקט, רעדל בלאַנק —
וועמען אַרט דאָ פעלץ־געשטאַנק...
וועמען אַרט דאָ שוויים און ברוד —
האָסטו אַרבעט —
איז דיר גוט.

נישט דו טראַכסט
און נישט דו רעדסט —
נאָר געשאָסן, נאָר געזעצט!
נאָך אַ צינגל, נאָך אַ פעל...
„נאָך נישט פאַרטיק — וואַטאַהעל!!"

טיף אין בלוט — אַ ריס, אַ ברי;
טוען הענט זיך אַ צעפלי;
טוט מאָטאָר זיך אַ צעברום
און די ליפּן — שטום.
נאָר געשאָסן, נאָר געזעצט —
נישט דו ענטפערסט,
נישט דו רעדסט.
נאָך אַ נאָט
און נאָך אַ צאַק
און די נאָדל פּלוצים — קנאַק!

מיט די ציין — אַ קריץ, אַ שטשיר;
געכאַפּט אין האַנט דעם שרויפּנציער;
שנעל דאָס שרייפל אויפגעדרייט —

טראַכסט — ס'איז עפּעס נישט געניײט...
כאַפּסט אויף זייגער שנעל אַ קוק:
נישט געמאַכט אים היינט גענוג...
„מיסטער הוירש! — אַ נאָדל, פּליז!"
און דערווייל — אַ שטרעק די פיס;
געכאַפּט אַ בליק צום „קאַטער"־טיש
און מיט האַנט דעם שווייס אַ וויש.
„האַקסט די נידלס — טאָסטע, נו" —
ברענגט דער באָס אַ נאָדל צו —
„היינט די פּערטע" — שרייט ער בייז —
„ס'ט האָבן, באָי, אַ גוטע קיים!"

פלינק די נאָדל איינגעשרויפט —
ברומט שוין דער מאָטאָר און לויפט.
הין און קריק די נאָדל שנעל —
שוואַרצע פאָדעם העפט די פעל.
הענט פאַרהאָריקט, רעדל בלאַנק --
ווען אַרט דאָ פּעלץ־געשטאַנק...
ווען אַרט דאָ ברוד און היץ —
בלויז מאַשין, בלויז רעדל־קריץ...
בלויז די פעל און בלויז די נעט —
בלויז נישט זיין אַ רגע שפּעט...
— וויפיל מאַנטלען? —
— פרעג נישט, שיס! —
ביז עס טוט אין האַרץ אַ ריס;
ביז עס טוט אַ פּלאַץ דער „סטראַפּ" —
די געדולד — פון מענטש אין שאַפּ —
און די נויט — דער שטאַרקסטער באָס —
טוט פון מויל אַ ריס דעם שלאָס:
בלייבן די מאַשינען שטיל;
ס'ליגן פעל אויף טיש און דיל...
ס'שפּאַנט דער באָס אַרום אין כעס
און ער האָרכט אַראָפּ אין גאַס...
ער איז בלייך, דער באָס, ער שווייגט.
— מיסטער הוירש, וואָסי?!
— מען סטרייקט...

דער, וואָס האָט זיך אויפגעהאַנגען

געוויינטלעך הענגט מען קליידער אויף
אויף יענע רונדע שטאַנגען.
אַ וואוילער מענטש געווען דער נאַר,
וואָס האָט זיך אויפגעהאַנגען.

אַ וואוילער מענטש געווען — נאָר שטיל,
אין מידקייט איינגעפראָרן —
ס'האָט שנעל און פאַר דער צייט דער שאָפּ
באַלאָדן אים מיט יאָרן.

ער האָט ביים לעבן נישט געפרעגט
קיין ביטערע פאַרוואָסן —
צוואַנציק יאָר פאַרבראַכט אין שאָפּ —
און ס'איז די צייט געפלאָסן.

זיין ווייב איז אים געווען געטריי —
דערויף איז ער באַשטאַנען —
צום „גליק" האָט בלויז געפעלט אַ קינד,
ווי ס'שטייט אין די ראָמאַנען.

נאָר איינמאָל האָט זיין ווייב געזאָגט —
געזאָגט אַ ביסל זויער:
„יאַנקל, ווי דו זעסט עס אויס!
אַי, ווי דו ווערסט גרויער!"

האָט ער גענומען זיך די מי,
זיך גוט באַקוקט אין שפּיגל —
און ס'ערשטע מאָל מיט ביטערקייט
געשמייכלט און געשוויגן...

ניששט גראָ אַליין — די אויגן אויך
צעקנייטשט און אויפגעשוואָלן.
איז יעדן טאָג, פון דעמאָלט אָן,
האָט ער זיך שוין געגאָלן.

נאָר יעדער טאָג, פון דעמאָלט אָן,
האָט מאָדנע אים דערקוטשעט;
און יעדע נאַכט האָט אַ קאָשמאַר
אָן אַנדערער געמוטשעט;

אים אויפגעוועקט פון שלאָף פאַרשוויצט,
מיט דראָזש און קאַלטן ציטער:
— אַפּנים ער איז טאַקע אַלט;
אַפּנים עס איז ביטער...

„יאַנקל, ווי דו זעסט עס אויס!" —
זיין ווייב האָט נישט פאַרגעסן —
איז ער אין שאַפּ, ביי דער מאַשין,
שוין אויך האַלב־טויט געזעסן.

אַ באָס האָט ליב זיך נעמען צייט,
צו זען ווי ס'ווערט „געשאָסן".
נאָר דאָס, וואָס יאַנקל נעמט זיך צייט —
אָט־דאָס האָט אים פאַרדראָסן.

און אין אַ פריייטיקדיקן טאָג
איז יאַנקל, טיף־געבויגן,
אַרויס פון שאַפּ, מיט בלייכער ליפּ
און רעזיגנירטע אויגן. . . .

אַ חודש צייט זיך אומגעשלעפּט
מיט שווערע פיס מיט שלאַפּע,
און אין אַ הייסער זומער־נאַכט
זיך אויפגעהאַנגען אין שאַפּע.

אַ בריוול זיינס האָט קורץ געזאָגט:
מיין ווייב, דו וועסט מיר פאַרגעבן;

איך האָב זיך לעצטנס אַרומגעזען —
איך בין צו אַלט צום לעבן. . . .

— — — — — — — — — — — — — —

צוואַנציק יאָר ביי דער מאַשין —
און ער איז מיד געוואָרן...
אַ מילדער מענטש, אָן גיפט, אָן גאַל
און — אָן אַ ברעקל צאָרן...

זעקס און פערציק יאָר געווען
איז יאַנקל, אַט־דער זקן —
דער שאַפּ האָט אים געעלטערט פרי,
דאָס ווייב האָט אים דערשראָקן. . . .

געלעבט פאַר זיך די אַלע יאָר,
ווי אין אַ פּלעט געפאַנגען —
אַ וואוילער נאַר געווען — דער מענטש,
וואָס האָט זיך אויפגעהאַנגען.

פרייד פון אַרבעט

וואָכן, חדשים, אַ יאָר — און אריבער!
איך האָב שוין פאַרגעסן דעם ריח פון פעל.
צי קען איך נאָך „שיסן”, צי קען איך נאָך נייען —
ס'פעלט שוין דער צוטרוי צו אייגענע פינגער,
פון פאַכמאַן דער זיכערער שטעל.

כ'האָב געבענקט שוין נאָך מידקייט פון אַ טאָג אַרבעט אַ שווערן,
געבענקט נאָך דעם ריטם, דעם הודיען פון שאַפּ;
און אויב מ'קען בענקען נאָכן „פּראָסטן” אין לעבן —
האָב איך געבענקט, יאָ, געבענקט,
נאָך דעם טעם פון — אַ דזשאָב...

נישט מיט קיין בענקשאַפט פאַרשפּיצט־ראַפינירטער,
נישט מיט דעם צאַרטן געפיל פון פּאָעט —
נאָר האַרט און פאַרביסן, אויף ראָגן פון בירזשע,
מיט אַ פלוך אויף די ליפּן, פון מידע פאַרטאָגן
ביז אומרו פון שפּעט־נאַכטיקן בעט.

אַ וואָכעדיק־טרוקענע, אַ שטעכיקע בענקשאַפט,
ווי שטויביקע דערנער אויף אַ האַרבסטיקן קוסט;
און ווייט קען זי טרייבן און ציען די בענקשאַפט —
מיט הונגער־גריף ביינערדיק־האַרטן אויף גאָרגל,
מיט פּראָסטיקער לאָגיק: דו מוזט!

איז פריידיק געווען און גוט יענע שעה,
ווען כ'האָב מיינע הענט אַ צעפיר געטאָן שנעל,
ווען ס'האָט זיך צעזשומעט פאַר מיר די מאַשין
און ס'האָט צווישן פינגער, כאָטש שטייף נאָך פון רו,
מיט האַסטיקן אימפּעט גערוקט זיך די פעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א וואָך — און א וו־אָך — און א ח־ו־דש...
די טעג אין שאַפּ זיינען לאַנג —
אין די גלידער צעלייגט זיך א מידקייט,
א הוילקייט, א פּוסטקייט א שווערע
פאַרנעפּלט, פאַרטעמפּט דעם געדאַנק.

איך פריי זיך נישט מער מיט מיין ארבעט.
כ׳קען נישט. כ׳האָב קיינמאָל געקענט!
אז אַלץ וואָס אין מיר ווערט צעריבן —
ווי קען איך זיך פרייען מיט אויפטו,
מיט זינלאָזן טאַנץ פון די הענט.

כ׳פּרואוו ביי דער ארבעט אָפּט טראַכטן —
מיט ריטמען איז פול דאָס געמיט —
ס׳רייסן זיך שטילע מאָטיוון,
ס׳רייסט זיך מיין האַס און מיין ליבשאַפט —
ס׳רייסט זיך צום אויסדרוק מיין ליד...

און שעהנווייז ווערט אַלץ צעברעקלט,
אין נאָדל־שטעך גייט אַלץ צו־גרונט...
איך ניי מיט א ווילדער רציחה,
מיט ציינער ביז וויטיק פאַרקלעמטע:
איך „שים" — צו פאַרנייען א וואונד.

כ׳פרעג ביי מיין שכן דעם נאָגלער,
כ׳פרעג ביים אָפּערייטאָר: ס׳איז וואָר,
האָסט ליב דאָס געניי, די מלאכה?...
מיט א פינטל פון אויג אויף דעם באָס־צו,
ער ענטפערט: אויף אים, אויף אים אזא יאָר!

איז ווי קען איך מיין ארבעט באַזינגען —
ווי קען איך זיך פרייען מיט דעם,
וואָס לאָזט מיך אָן אויסגעהוילט־טעמפּ,
וואָס יאָגט מיך — און וואַרפט מיך צום סוף,
צוריק אין די אָרעמס פון הונגער, צוריק אינעם פּוסטיקן קלעם.

יאָ, איך ווייס — ס'איז פאַראַן וואו
און אַרבעט־פרייד וואָס איז עכט.
נאָר אַלץ האָט אַ זין דאָרט, אַ סדר:
יעדע האַנט איז אַ ליכטיקער צייכן,
יעדער אויפטו — אַ זיג אין געפעכט.

און שטעלט מען אוועק אויף אַ פּאָסטן,
איז יעדערן — לויט זיין טאַלאַנט:
אַז פרייד זאָל באַלוינען די פּראַצע,
אַז יעטוועדנס וויסן און קענען
זאָל זיין אַ געווינס פאַרן לאַנד.

נאָר מיר איז מיין אַרבעט אַ שונא —
און זינג איך פון איר — איז מיט גאַל!
און זינג איך פון איר — איז פאַר יענע,
וואָס ס'שפּאַרט אויך אין זיי די רציחה,
וואָס ס'טליעט ביי זיי אויך באַהאַלטן
פון שנאה דער טויטלעכער שטראַל.

אַ פּאָרטרעט

יעדן פרייטיק נאָכמיטיק, אין זומער־טעג הייסע,
ווען ס'וויגט זיך דער שאַפּ און הורקעט און רודערט,
פאַרשווינדט ער, דער באָס — מיסטער ראָזנצווייג הייסט ער —
און באַווייזט אין אַ ווייל זיך ראַזירט און געפּודערט.

איבערן שאַפּ שפּאַנט ער אום דאַן מיט אַ מינע אַ שטרענגער,
גלעט זיך די באַקן; איז בייז און צעבלאָזן:
ס'איז פרייטיק פאַרנאַכט — ער אַרבעט נישט שבת —
און — „אויפן פאָרמאַן אַליין איז נישט גוט זיך פאַרלאָזן..."

אין שאַפּ ווייסן אַלע — ער איז „אַ גרויסער בעל צדקה",
פּרעזידענט פון אַ שול און פון אַ מושב זקנים,
און „אייביקער טשערמאַן" פון זיין לאַנדסלייט סאָסייעטי —
אַז עם לוינט אים דער עסק, איז קיין סוד נישט פאַר קיינעם.

צו די „הענט" אין זיין שאַפּ איז ער קאַלט און פאַרביסן:
דאָס, זאָגט ער, איז ביזנעס — ער טוט עס אומיסטן.
נאָר אַ מאָל אין אַ מיטיק־שעה טרעפט, ער צערעדט זיך,
ווייס מען שוין: סדרה אַמעריקע, אידישקייט — קאָמוניסטן.

און שינדן אַ פּאַס פון די „הענט" זיינע קאָן ער;
זיין פּרינציפּ: יעדע ביזנעס דאַרף האָבן אַ סיסטעם.
פאַר „ציגנלליים", זאָגט ער, האָט ער קיין דזשאַבס נישט,
אַ פאַרהייראַטער אַרבעט פאַר וויפיל דו גיסטעם.

נאָר טרעפט, אַז דער מאַרקעט נעמט יערן מיט אומרו
און ס'הויבן אָן גאַסן מיט קאַמף־געשריי זידן —
האָרכט מיסטער ראָזנצווייג, בלייך אַזש פון צאָרן,
קריצט מיט די ציינער: „אַ חרפּה פאַר אידן."

דעמאָלט פאַרגעסט ער אינגאַנצן דעם אָנשטעל
און הויבט אָן צו וואַרפן מיט לשון מיט פראָסטן:
„ניו יאָרק איז אַמאָל געווען דאָס בעסטע לאַנד!
איצט דאַרף איך מיין וואַרע אַזש שיקן קיין באָסטן!

„זיי באַנראָבן דעם טרייד, די סאָנאָוואַביטשעס!
פאַרשפאַרן זיי דאַרף מען! ווי הינט זיי צעשיסן!"
אַזוי זשיפּעט ער ווילד מיט סם צו די „שרייער",
און מען פילט — ער וויל זייער בלוט זאָל זיך גיסן.

נאָר הערן אויף גאַסן מיט קאַמף־געשריי ברויזן,
ווערט מיסטער ראָזנצווייג שטיל און באַשיידן,
און ס'דאַכט זיך, אַז יעדער אין שאַפּ איז אים טייער,
און ער הויבט אָן מיט חניפה מיט פרומער צו רעדן:

„מיר זיינען דאָך אידן, אידן אין גולעס!
אפילו אין בעסערע צאַטן מיזן אידן זיך פּלאַגן.
מיר קעמער ניש איבערבאַטן די וועלט.
אידן דאַרפן זיך האַלטן אינאיינעם און — שוואַגן."

ס'איז גאָט אים אַן עדות: ער מיינט נישט קיין שלעכטס;
נאָר שלום און לעבן צופרידן —
יוניעס . . . סטרייקס . . . ס'איז נישט קיין געשעפט —
ס'טויג נישט, ס'טויג נישט פאַר אידן!

פאַריער ביי דער אַרבעט

צערעוועט זיך אין שאַפּ דער זייגער,
נאָך אַן איינזאַם אויסגעטיקטער נאַכט;
קלינגט ווי אַ זעג אַ טעמפּע,
טרוקן־כריפּענדיק זיין אַ כ כ כ ט!

וואַרפט זיך יעדער אויף זיין אַרבעט;
כאַפּט מען מעסער און פּינצעט;
קלאַפּט מען זשאַווערדיקע טשוועקלעך;
שפּאַנט מען פעל אויף נאָגל־ברעט.

ווערן מיינע הענט ביי דער מאַשין
צוויי דעספּאָטן, צוויי באַצווינגער;
דערמאָנען מיך אָן גוט־מושטירטע זעלנער
דעמאָלט מיינע פלינקע פינגער.

ווערן מיינע הענט ביי דער מאַשין
צוויי עלעקטרישע פליגל;
ווערט מיין רוקן ווי אַ מולטער
און עס ווערט מיין גוף אַ וויגל.

פּרעס איך שווער אויף אייזערנע טרעטערס;
ציטערן אונטער פאַרטוך מיינע קניעס;
פאַלן צו אויף קורצע רגעס
מיינע אָנגעשטויבטע, מידע וויעס.

ווערן מיט די שעהען מיינע אויגן
צוויי טייכן אָנגעהויכט מיט רויטן נעפּל;
פליען הין און הער ווי שיפלעך
מיינע ווילדע אויגן־עפּל.

רייסט דורך פענצטער זיך אריין א ווינטל,
פליען פון געזימסן האָר, ווי הײשעריקן,
ליגן זיי זיך בייסנדיק אויף פּנים,
גראַבלען זיי אין האַלדז און שטיקן.

זאַפּט איין מאַשין אין זיך מיין יעדן אבר,
בלויז די הענט באַוועגן זיך ווי פליגל.
באַפאַלן מיך צעבונטעוועטע לידער —
לידער — ווי די הייסע ציגל!

זינג איך מיט פאַרמאַכטע ליפּן,
זינג מיט גאָרגל צוגעשפּיליעט;
זיינען מיינע לידער רויטע קרעלן
אויף צעגליטע אָדערן געסילעט.

זיינען מיינע לידער רויטע קרעלן,
וואָלט איך וועלן זיי אינמיטן שאַפּ צעזייען:
זאָל זיך יעדער מיט זיי צירן,
זאָל זיך יעדער מיט זיי פרייען.

וואָלט איך וועלן אויפן קול זיך דאָ צעשרייען,
ווי עס שרייען די עלעקטרישע מאָטאָרן;
ווי זיי וואָלט איך געוואָלט מיט פונקען שפּריצן
און אויסרעווען אין שאַפּ מיין הייזעריקן צאָרן.

אין שאָפּ האָט זיך היינט נישט געניייט

.1

נאַכט. שטיל.
דורך אַ גאַרדינען־ריס
האָט דער שטראַל פון אַ פאַנאַר
אַריינגעגנבעט זיך אין טונקלקייט פון צימער
און געגנעכטיקט אויף אַ שפּיגל־ראַנד
מיט פלעמלדיקן גלימער.

חיים, דער אָפּערייטאָר, איז אַ וואַכער
אינעם ברייטן בעט געלעגן,
איינגעהערט זיך צו דעם אָטעם פון די קינדער
אין דערבייאיק־קליינעם חדר
און — מיט אַ מאָדנעם ווידערוויל היינט —
לעבן זיך די לאַנג־געוואוינטע וואַרעמקייט געפילט
פון פרויען־גלידער — פון זיין ווייב,
דער חנעוודיקער רעיען.

ביז באַגינען איז ער וואך אַזוי,
מיט אויגן צום סופיט־צו אָפענע געלעגן,
און אויפגעשטאַנען מיט אַ שווערקייט אין די שלייפן,
מיט אַ קאַרב אַ בייזן צישן ברעמען,
וואָס האָט ביים פרישטיק־טישל
געשטעלט זיך, ווי אַן אָפּגרונט,
צווישן אים און רעיען
און געוואָרנט:
שוויג.

מיט שווערע האָר, צעפּאַטלט נאָך פון שלאָף,
האָט רעי, אַ זשוואַווע, אַרום זיין אָנביים זיך געפּאָרעט
און פאַרגנבעט־זייטיק געקוקט אויף אים
פון אונטער אומעטיקע וויעס.

ערשט ווען ער האָט די טיר געעפנט
צום אַרויסגיין
האָט זי אים פאָרן אַרבל אָנגענומען,
אויפן צימערל געוויזן, וואו די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן,
און, מיט אומגעריכטער שאַרפקייט,
אים באַפוילן:
חיים,
ועסט נישט גיין היינט צום פּאַראַד!

.2

אין סאָבוויי איז חיים
אַ כמורנער געזעסן;
די אויגן פאַרזשמורעט, די ליפּן פאַרפרעסט;
געקוקט אויף די מענטשן —
אין בלעטער פאַרהורבעט —
און אויסגעדאַכט האָט זיך:
ער גראַבט זיך מיט אָנשטרענג אַריין וואו אין עפּעס,
ער וועגט מיט די אויגן און מעסט.

נאָר איינמאָל, ווען ס׳האָט אַ וואַגאָן זיך צעזונגען
מיט פריילעכע שטימען,
מיט קינדערשן קלאַנג —
האָט חיים דעם קאָפּ אַהינצו פאַרריסן,
ס׳האָט זיך אַ שמייכל צעלייגט אויף זיין פּנים
און ס׳האָבן די ליפּן ביי אים זיך באַוועגט —
ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט דאָס געזאַנג.

.3

דער זייגער אין שאָפּ
האָט היינט בייזער געקלונגען,
מיט אַ דרינדזש אַ נערוועזן,
מיט אַ ציטער פון כעס.
דער באָס האָט באַגריסט זיינע הענט מיט אַ שמייכל,
יעדן באַזונדער —
מיט אַ וואָרט וועגן וועטער,
מיט אַ לייכטן, גוטמוטיקן שפּאַס.

ס'האָט דער זייגער געשטעלט זיך אויף „אכט"
און צעשפּליטערט
דעם שאָפּ מיט אַ ריטש פון מעטאַלענער קעל —
און שוין זיינען הענט צעפּאַכעט, צעפלויגן ;
איבער מאַשינען קעפּ שוין געבויגן
און שאָפּ — איין צעוויכערטער : „שנעל !"

ס'איז איין מאַשין בלויז געבליבן אַ שטומע —
אַ ברודיקער פאַרטוך,
אַ ליידיקער שטול...
דער באָס האָט געלאַכט, מיט שפּיזלעך אין אויגן —
— נישט געקומען היינט לייבקע,
נישט געקומען דער בעסטערד !
אָקעי, כ'על אים פיקסן !
כ'על אים וויזן, דעם „פול" ! —

גערוקט האָט דער זייגער זיך
לאַנגזאַם, פאַרכמורעט,
ווי אַ בייזער זשאַנדאַר
מיט וואָנצעס פאַרדרייט.
נאָר חיים איז מאָדנע־פאַרהוויקערט געזעסן —
געקוקט אויפן ליידיקן שטול מיט פאַרבענקטקייט :
לייבקע . . . ער האָט אים היינט צוגעזאָגט טרעפן...
צוגעזאָגט — יאָ...
און זיצט דאָ . . . און נייט...

ס'צינדן זיך אָן זיינע אויגן מיט רויטקייט.
ער נייט מיט רציחה, ער נייט מיט ראָזמאַך.
— ערשטער מאַי . . . און ער זיצט דאָ פאַרהוויקערט...
קיינמאָל נאָך, קיינמאָל נישט געטאָן אַזאַ זאַך...
און לייבקע מאַרשירט . . . און לייבקע האָט קינדער...
אָט איז זיין „אייפּרען" . . . אָט איז זיין „טשער"...
לייבקע האָט איינגעשטעלט . . . לייבקע מאַרשירט...
און לייבקע דאַרף . . . דאַרף פונקט ווי ער...
און ס'האָבן די באַקן צעגליט זיך מיט בושה ;
דאָס האַרץ — אַ פויק אין צעבוואַליעטער ברוסט :
אויב לייבקע איז געגאַנגען . . . אויב לייבקע מאַרשירט —
האָסטו — האָסטו אודאי געמוזט.

און פּלוצים — ער טוט זיך א הויב פונעם בענקל.
ס׳פילט זיך א ווילדקייט אזא אין זיין שטעל.
און צוואַנציק אויגן הויבן זיך אויף —
און צוואַנציק אויגן פאָלגן אים נאָך —
ערשט ווען ס׳האָט די טיר הינטער אים זיך פארפּראַלט,
האָט א זשיפּע געטאָן דער באָס צווישן ציין:
„דעם יו, גאָו טו העל!”

געבליבן אין שאַפּ איז א שטילקייט א שווערע —
ביז ס׳האָט זי צעלעכערט דער באָס מיט א — „עי!”
לאַנגזאַם האָבן צערירט זיך מאַשינען —
דער באָס האָט געמאָסטן יעדן באַזונדער,
מיט מאָרדע פארשפּיצטער,
מיט נאָז־פליגל ווייטע —
„איי׳ל שאָו הים א פוירסט אָוו מעי!...”
— — — — — — — — — — — — — — — —

דער זייגער האָט לאַנגזאַם
און כמורנע גערוקט זיך,
ווי א בייזער זשאַנדאַר,
די וואָנצן פארדרייט.
נאָר מאָדנע פארהויקערט דער שאַפּ איז געבליבן —
א שטייפקייט, א פּריקרע,
אין הערצער —
אין פינגער —
אין שאַפּ האָט זיך היינט נישט גענייט.

זיגעריש

מיין חבר און פּאַך-ברודער א. ראַבאָיען.

„. . . טידל־לידל־לאַם . . .
טידל־לידל־לו . . . "
אַ חבר גייט און זינגט זיך צו.

זיין גאַנג איז שנעל,
זיין טראָט איז גרינג:
זיין בליק איז העל,
זיין פּנים קוועלט.

בירזשע איז נאָך נישט צעוועקט.
ס'איז פרי
און פריי און לופטיק קלאָר.
„טידל־לידל־לאַם . . .
טידל־לידל־לו . . ."
דער חבר זינגט זיך פריידיק צו
און ס'שפּילט דער ווינט מיט זיינע האָר.

ס'אַ וואָכנטאָג,
אַ פּראָסטער טאָג.
באַלד וועט שטראָמען דאָ די מי,
באַלד וועט שוואַרץ זיין דאָ די גאַס —
און פאַרהאַוועט און פאַרטאַיעט,
און פאַרהאָרעוועט, פאַרשמייעט
וועט זיך ציען,
וועט זיך קנוילן
אַ צעגרילצטער מענטשן־פּאַס.

איז פרי נאָך איצט.
לופטיק קלאָר.
שפּילט דער ווינט מיט חברס האָר.
שפּאַנט דער חבר פריי און ברייט
און ער זינגט אַזוי מיט פרייד,
און ער לאַכט איעדן צו:
„טידל־לידל־לאַם . . .
טידל־לידל־לו . . .״

שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט
אַ מענטש און מורמלט:
„ס׳איז אים גוט . . .״
טוט מיט קאָפּ אַ שאָקל בלויז
און פאַרשווינדט וואו אין אַ הויז.
גאַר מיט ריטמיש־שנעלן גאַנג
שפּאַנט דער חבר און ער קוועלט.
דאַכט זיך: ס׳איז זיין פריי געמיט,
ס׳איז זיין פריש־צעשפּרודלט ליד —
אַן אַרויסרוף צו דער וועלט.

נעכטן און אַ גאַנצע וואָך —
און חדשים פריער נאָך —
פאַר אַ גרויען ריזן־מויער,
אויסגעריסן און פאַרביסן,
מיט אַ סטרייק־פּלאַקאַט אין האַנט —
פאַר דעם טויער,
טאָג נאָך טאָג
האָט ער דאָ אַרומגעשפּאַנט.

הין־און־קריק,
הין־און־קריק,
ס׳טרייבט אים
און עס פאָלגט אים נאָך,
בייסט זיך איין אין זיין גניק
אַזאַ הינטיש־בייזער בליק.

רעגן וואַשט
און זומער גליט.
נאָר ער שפּאַנט דאָ אום און היט —
מיט אַ שטייפקייט אַרום האַרץ,
מיט אַ קללה אין געמיט.
וויפיל הונגעריקע טעג!
וויפיל מיטינג־לאַנגע נעכט!
וויפיל שטיינער אויפן וועג!
וויפיל פויסטיקער געפעכט!

נאָר דער קאַמף האָט זיך געלוינט:
ס'האָט אַ זיג די מי געקרוינט!
ס'האָט אַ זיג דעם טאָג צעהעלט —
זינגט דער חבר און ער קוועלט.

אַ, ער קאָן נישט שטום זיין איצט —
ניין! עס לאָזט אים נישט קיין רו:
טידל־לידל־לאַם . . .
טידל־לידל־לו . . .
ס'איז זיין ליד —
זיין זיגער ליד!
לאַכט ער עס איעדן צו.

ס׳איז שווער

אויף שלייפן מיינע זילבערט שוין פארדעכטיק וואו א האר.
ס׳קלעמט די נויט: ס׳שטויסן, ס׳רופן פליכטן.
ס׳איז יעדע פליכט — א פליכט, פארוואר!
נאר יעדער טאג א ברוכשטיק איז,
א ברוכשטיק פון אן איינס, וואס לאזט זיך נישט פארריכטן...

ווי טייכן בורעגדיקע אין דער טיף,
פליסן מיינע טעג, טעג און וואכן.
מיט יעדן טאג — געליטערטער ווערט מיין באגריף:
און יעדן טאג — ווי מאדנע ס׳קלינגט —
איך ווער אלץ מער צעבראכן.

דער שאפ דריקט שווער, דריקט הארט, דריקט קאלט,
ס׳הארץ בלויז בלייבט צעצונדן.
כ׳בין פון די וואס רופן: האלט!
וואס ווארפן זיך אריין אין שלאכט —
און שלאכטן לאזן וואונדן...

ס׳איז שווער צו גיין מיט ליד און ביקס
און שלעפן נאך א וואגן.
ס׳בלייבט דאס ווארט אין הארץ דערשטיקט
און ס׳לאזט דער אפגעהאקטער קלאנג
פון ליד זיך נישט דערזאגן.

א טאג פון מי — דער אוונט קומט
מיט בליי אין קאפ, אין גלידער.
טיף אין בלוט — עס מאנט, עס ברומט...
די מידקייט פרעסט די וואכע נעכט —
און גריזשעט אויף די לידער.

איך זינג דאָס ליד פון אונדזער קראַפט

איך זינג דאָס ליד פון אונדזער קראַפט —
ווי זאָל איך נישט זינגען איצט — ב ר י ד ע ר! —
עס שלאָגט פון וואָרט אַזאַ מין האַפט,
אַזאַ מין קוואַל פון לידער...

דאָרניק און שווער איז געווען אונדזער וועג —
אַ בלוטיקער פלאָנטער פון יאָרן;
מען דאַרף נישט, מען טאָר נישט פאַרגעסן די טעג
ווען ברודער האָט ברודער פאַרלאָרן;

אין שעפער געהויערט האָט שטענדיק פאַרדאַכט;
אויף בירזשע איז מעסער געפלויגן —
דער שונא האָט קאַלט אין די פויסטן געלאַכט —
און ענגער דעם וואַרג־שטריק פאַרצויגן...

ווער ס'האָט אין אויפברויז די פויסטן צעוויגט —
ווער ס'האָט די אויגן פאַרשלאָסן;
וועמען די נויט האָט אין ווינקלען באַזיגט —
ווער מענס בלוט ס'האָט אויף ברוק זיך געגאָסן...

ווי ס'צעוואַקסט זיך אויף מיסטיקע זומפּן בוריאַן,
האָט וואָרט פון פאַרראַט זיך צעוואַקסן;
(אַ טרוקענער, אַלטער היסטערישער מאַן
האָט געפליוכעט מיט גיפטיקע שלאַקסן.)

נאָר מיש איך די בלעטער, נאָך הייסע, צוריק —
ס'אַראַ גייסט אין די שווערע מאַרשרוטן! —
ס'האָט לאַנגער פאַרשריבן די האַפט פאַרן זיג —
אין שאָטן פון טויט — ביים פאַרבלוטן...

מיט פייכטקייט מיט שטאָלצער צינדט אָן זיך דער בליק
ביים אָנדענק פון יעדן מאַרטירער;
איך מיש זיי, די בלעטער, די הייסע צוריק —
זיי רוישן מיט רוף פונעם פירער...

אין הייסע לאָקאַלן, אויף רוישיקן ראָג —
דער רוף, וואָס האָט הערצער צעצונדן;
ווי א מעכטיקע כוואַליע עס טוט זיך א טראָג
די ליבשאַפט, וואָס ער האָט צעבונדן.

יאָרן, אָ, יאָרן פון פיין און פון בלוט —
מיך אַרט נישט דערמאָנען אייך איצטער,
כאָטש יעטווידער טראָט פון יענעם מאַרשרוט
מוז בלייבן אין האַרץ א פאַרקריצטער.

נישט ביטערקייט פליסט פון מיין פען־שפּיץ אצינד,
נישט שטאָך פון א נעכטיקן דאָרן —
דער פרישער, דער נייער, דער קרעפטיקער ווינט,
ער וואַשט אָפּ דאָס זאַלץ פון די יאָרן...

איך האָב אים צעשמעטערט, דעם ביטערן קרוג,
דאָס ביטער ליד איז צערונען —
יענע שעה, ווען עס האָט זיך צעשאַלט דער — „גענוג!"
און ברודער האָט ברודער געפונען...

איצט זינג איך דאָס ליד פון אויפשטייג און קראַפט,
און פריידיק רוף איך איצט: — „ב ר י ד ע ר!" —
א וואָרט, וואָס איז ז י ג! א וואָרט, וואָס איז האַפט —
פאַר יאָרן פון ברויט און פון לידער!

ערשטער מאַי

פון וואַנען קומט דער ווינט

פון וואַנען קומט דער ווינט?
פון מזרח קומט דער ווינט!
דער פרילינגדיקער ווינט,
מיט פרישן הויך פון פעלד,
מיט אימפעט איבער שטאָט,
אין צייט זיך צוגעשטעלט.

די שטאָט האָט אויך אַ זון, אַ בלאָען הימל אויך.
און גראָער אַספאַלט־ברוק — נישט שטענדיק איז ער גראָ.
עס קומט אַמאָל אַ שעה און ס׳טוט אַ גלי די גאַס
און ס׳טוט אַ פלאַם דער סקווער — עס קומט אַמאָל אַ שעה.

פון וואַנען שאַלט דאָס ליד? —
פון הערצער שאַלט דאָס ליד!
פון יום־טובדיקע הערצער
באַהערשט פון זעלבן דראַנג,
ווי העלער פרילינג־שטורעם
טראָגט זיך דאָס געזאַנג.

נישט יעדעס ליד איז שווער. נישט יעדעס ליד איז בלאַס;
ווייל ליב האָט מענטש דאָס ליכט און ליב האָט ער די פרייד.
איז קומט אַמאָל אַ צייט און ס׳העלט דאָס טונקל אויף
און טוט זיך אַ צעבלענד — עס קומט אַמאָל אַ צייט.

וואָס ברענט דאָרט אין דער לופט? —
דאָס ברענט אַ פאָנען־וואַלד!
אַ רויטער פאָנען־וואַלד
אין האַרעפּאַשנע הענט,
צעפאָכעט פונעם ווינט,
ווי וואונדערלעך ער ברענט!

פאַראַנען הענט וואָס גע̇ל און הענט וואָס זיינען שלאַף.
נישט יעדנס בלוט איז היים. נישט יעדער ליגט אויף דר׳ערד.
נאָר ס׳בליצט די קלאַסן־שווערד אמאָל אין שאַרסטקע הענט
מיט קלאָר־געשאַרפטן האַס — עס בליצט אמאָל די שווערד!

— וואָס איז היינט פאַר אַ טאָג?
אַ רויטער טאָג איז היינט!
אַ בלוט־ און לידער־טאָג
פון מענטש וואָס וויל זיין פריי!
אַ טויט־מוטיק פאַרשייטער
ערשטער טאָג אין מאַי!

די שטאָט איז פול ביז ראַנד. די שטאָט גייט איבער אַזש.
ווער עס שטייט אין ריי און ווער עס שטייט ביים זייט.
נאָר קומען וועט אַ צייט און ברויזן וועט די שטאָט
מיט די וואָס שטייען אָפּ! — קומען וועט אַ צייט!

— פון וואַנען קומט דער ווינט?
פון מזרח קומט דער ווינט!
פון יונגן פרילינג־לאַנד,
וואו ערד און מענטש איז פריי!
ער קומט, ער וועקט, דער ווינט
צום גרויסן ערשטן מאַי!

פלאַקאַט צום ערשטן מאַי

פון היי־מאַרק שיקאַגער — אויף לעבן און טויט —
אַ האַלבער יאָרהונדערט פאַר פרייהייט און ברויט!

מיט פעטליעס אויף העלדזער איך זע די מאַרטירער;
נאָך קלינגען גביאיש די ווערטער פון פירער

און ס'קען זיי קיין הערשער, קיין צייט ניט פאַרמעקן:
— עס וועט אונדזער שווייגן נאָך מעכטיקער וועקן! —

:: :: ::

וויפיל יאָרן פון קאַמף! וויפיל יאָרן פון בלוט!
און שווערער — און בלוטיקער ווערט דער מאַרשרוט!

אַמאָל איז געווען . . . ס'איז היינט נאָך פאַראַן —
עס גייען נאָך מענטשן אין גרויזאַמען שפאַן

מיט אויפגאַנג פון זון ביז שפעט אין דער נאַכט —
אין גליאיקן שיף־בויך, אין פינצטערער שאַכט;

אין זוניקן דרום; אין גראָע פאַבריקן —
עס האָט נאָך דער הונגער נישט אויפגעהערט שטיקן.

:: :: ::

אַמאָל איז געווען . . . און וואָס איז געוואָרן —
עס האָט זיך געביטן די וועלט מיט די יאָרן...

מאַשינען צעהודיעט אין פעלד און פאַבריקן —
מען דאַרף שוין נאָך שקלאַפן אין דזשאַנגלס ניט שיקן...

מען דאַרף שוין ניט שיסן מיט צינד־לונט און שרויטן —
ס'איז גרינגער מיט גאַזן, מיט טאַנקען צו טויטן...

עס האָט זיך די ערד, דער הימל געביטן —
עס יאָגן אויף וואָלקנס געפּאַנצערטע שליטנס...

די וועלט איז באַפליגלט; דער מענטש איז דערהויבן —
איז פלינקער דאָס מאָרדן. איז ווילדער דאָס רויבן.

:: :: ::

עס דרייען, עס דרייען פאַראויס זיך די אַקסן —
און מענטש אונטערדריקטער האָט אויך זיך צעוואַקסן.

און מענטש אונטערדריקטער אויף לעניִנשע וועגן,
דורך שלאַכטן פון פייער דער פרייהייט אַנטקעגן.

אַמאָל איז געווען . . . און וואָס איז געוואָרן —
ס'האָבן רויבער אַ זעקסטל פון דר'ערד שוין פאַרלאָרן!

אין זיגן פון אויפבוי סאָוועטישער שטערן
ליכטיקט מיט אַנזאָג דורך וועלטישע ספערן.

און רויב־קלאַס אין פּאַניק, אין טויטלעכן ציטער —
פאַרגרייט שוין דעם בלוטיקסטן „רעטונגס"־געוויטער...

און גרויזאַם און ווילד אויף פינף זעקסטל פון דר'ערד
האַלט געלט־פירשט זיין מאַכט אויף שפּיץ־בלוטיקן שווערד.

און אומעטום רייסט זיך די סמיקסטע צונג —
די בעסטיע שוואַרץ־ברוין צום בלוטיקן שפּרונג...

:: :: ::

אַמאָל איז געווען . . . און וואָס איז געוואָרן —
פון לאַנד, וואו דער ערשטער מאַי איז געבאָרן...

פון לינקאָלנס „גלאָרי" פאַר נעגערשע רעכט:
פון טייערסטן שקלאַף — דער ביליקסטער קנעכט...

פון גאָלדענער גלייכהייט, פון פרייהייט־אזיל —
פאַרענדיקט! א סוף שוין אפילו צום שפּיל...

עס רירט זיך אויך דאָ שוין די סמיקע צונג
און ס׳גרייט זיך פּאַשיזם צום בלוטיקן שפּרונג.

:: :: ::

אַמאָל איז געווען — און העלער געוואָרן
און העכער היינט שלאָגן די פלאַמען פון צאָרן!

פון היי־מאַרק שיקאַגער — וויפיל קעמפעריש בלוט!
און שווערער — און בלוטיקער ווערט דער מאַרשרוט!

עס דרייען, עס דרייען פאַראַוים זיך די אַקסן —
און מענטש אונטערדריקטער האָט העל זיך צעוואַקסן.

מיט מאַרקס און מיט לענינס, מיט סטאַלינס פאַרזיי —
אין מעכטיקן וואוקס גייט אויף קאָמפּאַרטיי!

פאַר וועלט פון סאָוועטן! פאַר ליכטיקסטן מאַי!
ס׳איז קעמפן אויף טויט און אויף לעבן בדאי!

קום אויפן סקווער היינט

„קום אויפן סקווער היינט, מיין מיידל!
לאָז איבער דעם שאַפּ און די זיידנס,
לאָז איבער דיין פאַרמאַן, דעם געלן;
לאָז איבער אַלצדינג פּונקט ווי איך,
די זינגער־מאַשינען לאָז איבער —
די אַרבעטער ברענג בלויז מיט זיך!

טו אָן אויפן האַלדז זיך דאָס טיכל,
דאָס רויטע, וואָס כ'האָב דיר געשענקט,
און שיך — נישט מיט הויכע קנאַפּל —
וויאָס קוסטו, מיין ליבע, מיך אָן?
ווערסט דאַרפן אַ סך היינט מאַרשירן —
און אפשר אויך טראָגן אַ פאָן.

און זע, פאַרגעס נישט דאָס קליינוואַרג,
די ברידערלעך, נעם זיי מיט זיך;
און ברענג אויך דעם פּרעסער, דיין טאַטן,
ברענג אים, נשמה, צום סקווער:
עס וועט אים חלילה ניט שאַטן —
מיר דאַרפן דאָרט האָבן וואָס מער...״

„נו, לאָך נישט, מיין ליבער — כ'האָב מורא —
כאָטש כ'פיל שוין די פרייד אין פאַרוים:
ס'איז גוט מיט געזאַנג צו מאַרשירן:
כ'האָב ליב מיט די אַרבעטער גיין.
נאָר ס'קען דאָך — עס האָט דאָך פּאַסירט שוין —
דו ווייסט דאָך, דו ווייסט עס אַליין...״

„נו, יאָ. נו, אודאי — איך ווייס עס:
איך לייקן נישט, ליבע, עס קען!

עס האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן
אין טאָג אין דעם ערשטן פון מאַי,
אַז באַפאַרבט אונדזער בלוט האָט די גאַסן...
נאָר שרעק זיך נישט — קום סיי־ווי־סיי!

ס'איז יום־טוב, מיין לעבן, מיין ליכטיקס!
עס פרייט זיך, עס האַמערט דאָס האַרץ;
מיר ווילט זיך אי לויפן, אי לאַכן,
אי זינגען — אַזוי ווי איך קאָן —
כאָטש איך וויים: עס איז ערנסט די רגע —
און כ'וויים וואָס עס שטייט דאָ אין קאָן.

איז קום אויפן סקווער היינט, מיין מיידל,
לאָז איבער דעם שאָפּ פּונקט ווי איך,
און זאָל דיך ניט שרעקן קיין רעגן,
קיין שטורעם — דו הערסט וואָס איך רעד!
פאַרגעס נאָר נישט וועמען דאַרפסט ברענגען —
און, טייערע, קום נישט צו שפּעט!"

װעלט, מײַן מאַיאיקע געליבטע

מײַן גרוס!
מײַן העלן גרוס דיר הײַנט:
װעלט,
דו בלוט־צעשטורעמט־זינגענדיקע;
װעלט —
דו טויט־באַטריבטע!

אין האַרץ בײַ מיר
עס פּויקט דאָס װידער־קול
פֿון פֿיבערדיקע פּולסן דײַנע,
װעלט —
מײַן מאַיאיקע געליבטע.

דורך בלוט און בלומען
װעלן שפּאַנען הײַנט
פֿילשפּראַכיקע מיליאָנען.
אַ פּאַנען־װאַלד װעט אויפֿבליִען
אויף מאָסקװער רויטן סקװער
און מעכטיק װעלן אויפֿמאַרשירן
רויט־אַרמײַאישע לעגיאָנען.

פֿון הויכער מאַװזאָלײ־עסטראַדע
סטאַלין
װעט אין קאָמסאָלוט די פּויסט פֿאַרהויבן.
עראָפּלאַנען־זשום װעט אויפֿטרייסלען די לופֿט
און אויף מאַי־געזאַנג פֿון אַרבעטער־קאָלאָנען
װעלן מיט אַ קלינגענדיקן עכאָ
ענטפֿערן
צעשטראַלטע קרעמל־שויבן.

אין האַמבורג און בערלין —
וועט זיין אַן אַטעמלאָזיקייט אויף גאַסן...
ס'עט גיין צום מאַי־פּאַראַד
דאָס פֿאָלק —
מיט הערצער,
ווי אין קייטן איינגעקלעמטע —
„האַיל היטלער!"
ס'וועלן ארבעטער זיך ביים פּאַראַד באַגריסן,
זיך איבערקוקן,
שוויגן —
פֿאַרביסענע, פֿאַרשעמטע.

אין אונטער־ערד —
אין טויט־געפאַר —
פלינק, מיט אויגן ניכטערע,
וועלן ארבעטער
די „ראָטע פאַנע" דרוקן.
אין טורמע־צעל, אין מאָאַביט,
טעלמאַן
וועט אַ בלייכער שטיין
און מיט פאַרבענקטקייט
און מיט טראָץ
וועט ער דורך גראַטע־פענצטערל
אויף אַ הימל־פּאַס אַ שמאָלן
קוקן. . . .

אין סאָפיאַ און ווין,
אין וואַרשע און אין רוים
וועט מיט אַנונג באַנגער
קלעטערן די אומרו אויף פּאַסאַדן.
וואולקאַנישע
וועלן גאַסן אויפרייסן מיט האַס
און בליץ־שנעל וועלן שטייגן
בלוט־באַפאַרבטע באַריקאַדן.

אין אפריקע — אין מדבר־לאַנד —
וועלן פּלאַצן מוסאָלינים באָמבעס

און די דורשטיק־הייסע ערד
וועט מיט נעגער־בלוט צום הימל שרייען;
א ווייסער זעלנער
וועט איינגראָבן דעם קאָפּ אין זאמד
און אויסשעפּטשען א קאָמסאָלוט צו די,
וואָס גיבן זייער בלוט
פאַר קומענדיקע ערשטע מאַיען.

אויף דעכער פון ניו יאָרק
וועלן לויערן באהאלטן קוילנווארפער
און אונטן וועלן פליִיצן
פארביקע קאָלאָנען.
ס'וועט א רויטקייט פלאַטערן אין ווינט;
מיט כיטרע זשמורענדיקע אויגן
וועלן בלוי־רעק היטן,
מיט טויט — באהאלטענעם
אין פולווער־שטויב פון זייערע פאטראָנען.

נאָר לויכטן וועלן הונדערט־טויזנטער געזיכטער,
הערצער וועלן האמערן
און אין לידער־קלאנגען וועלן זיי
די יאָרן פון צעריסנקייט פארגעסן.
דעם סקווער
וועט היינט א מענטשן־דאמבע א גיגאנטישע צעשפּארן—
און די פויסט
פון פראָנט פאראייניקטן —
וועט זיך א הויב טאָן
און וועט זיך הארט און דראָענדיק פארפרעסן.

פויקט מיין הארץ מיט ווידער־קול
פון פיבערדיקע פולסן דיינע,
וועלט,
מיין בלוט־צעשטורעמט־יובלענדיקע!
מיין טויט־באטריבטע!
מיין ליד —
מיין העלסטן גרוס —
איך שיק דיר היינט,
וועלט,
מיין מאַיאיקע געליבטע!

לעצטע רגעם

אין לעצטע רגעס

(צום צווייטן יאָרצייט פון י. גרינשפּאַן)

אין אָפּענעם פענצטער — אַ מילדער פאַרנאַכט,
צעיובלט פון קינדער־געשרייען.
אַ ראַדיאָ שפּילט. ס׳פלאַטערט פאַרביי די קאַרניזן אַ טויב,
ס׳ציטערט אַ זונשטראַל, אַ לעצטער, אויף שויב —
אַ לעבן לעשט אויס זיך אין ווייען.

אַ בעטל. צופוסנס — אַ פּנים אַ בלייכס;
אויגן — צעשראָקענע, גרויסע —
און מיר — דריי חברים אין אָפּענער טיר —
שטומע, דערשיטערטע, קוקן אויף איר,
אויף אים — אונדזער חבר, דעם גוסס.

ווי שווער איז פאַרגעסן אַ גסיסה־זיפץ,
דעם לעצטן כליפּ — דעם פאַרניכטער —
דאָס האַרץ גיט אַ ריטש — אַ פאַרוואונדעטער בער —
ס׳ברענט אין געמיט אַזאַ בלוטיקע טרער —
געשטאָרבן — דער חבר, דער דיכטער...

אַרום ליפּן נאָך גליווערט אַ שמייכל;
די אויגן שטאַר — ווי פאַרטראַכט.
ס׳טראָגט זיך געלעכטער פון פענצטער דערנעבן;
די ראַדיאָ שפּילט; ס׳הודזשעט דאָס לעבן —
האָב איך צאַרט זיינע אויגן פאַרמאַכט...

און כ׳האָב געקוקט אויף זיין וואַקסענעם פּנים,
געקוקט אַזוי שטיל, אַזוי לאַנג:
ווי יונג, ווי גרויזאַם פאַרשניטן!
ווי ביטער, ווי בלוטיק געליטן —
עס טוט נאָך דיין גוף שוין נישט באַנג...

„צי בין איך אויך אַ בלעטל אין סוף־זומער . . .״
ניין, דו ביסט „ערב״ אוועק...
וואָר — האָסט אומעטיק אָפּטמאָל געזונגען,
נאָר ס׳האָט זיך דיין ליד ערשט צעשוואונגען
מיט שטורעם, מיט אויפבליץ פון העק.

איך קוק אויף זיין וואַקסענעם פּנים —
אַזאַ קלוגס, אַזאַ ביטערס און צאַרטס —
ס׳כליפּעט פון ווענט אַזאַ טרויער;
דער דעמער אין פענצטער ווערט גרויער —
און ס׳כליפּעט, עס כליפּעט דאָס האַרץ...

פאָנען אויף האַלב-מאַסט

(נאָכן טויט פון חבר קיראָוו)

א שאָס.
אַן אויסגעשריי.
און אָפּגעשטעלט האָט זיך דעם חברס הייס,
דעם פירערס מוטיק האַרץ.
דאָס אויג האָט נאָך אַ בליץ געטאָן
מיט לעצטן שנאה־שטראַל,
פאַרלאָשן זיך
און אויף אייביק שוין
געבליבן אַ דערשטאַרטס.
אַ רגע שטיל.
געוויטער־שווער.
געשפּאַנט.
רויטע פאָנען
זינקען לאַנגזאַמע אַרונטער אויף האַלב־מאַסט:
אַ קויל,
געצילט אין האַרץ פון דעם פאַרבאַנד,
נידערן די זיגערישע פאָנען —
אויף אַ ווײַלע —
זאַפּן איין אין זיך דאָס בלוט, דאָס צוגעקומענע,
בויגן זיך
אונטער שווערקייט פון דער נייער לאַסט.
אומעט —
דערשלאָגנקייט —
טרערן —
ערגעץ בלייבן זיי אין האַרטער קעל,
ווערן איינגעזויגן פון נקמה־פלאַם אין בליק:
אין דעם פויסטן־וואַלד דעם שווערן
שרייט זיי צאָרן־שטורעם איבער —
בלייבט פון זיי:

געלייטערטע,
פארעקשנטע אנטשלאָסנקייט
צום זיג!

רויטע פאָנען,
טיף,
גענויגט צו דר'ערד.
אָ, זיי וועלן פלאַטערן אויף מאַסט־שפּיץ,
זיי וועלן פלאַטערן העט־אויבן ווידער!
אויף טרערן
האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט גענערט.
טויט —
ווי אָפט האָט ער זיי שוין באַשווערט!
נאָר זיי גייען שטענדיק אויף
מיט דעם שוואונג
פון זיגערישע לידער.

נישט קיין טעות איז דאָס לעבן

באַרג־פרישע ווינטלעך. ליכטיקע נאַכט.
ווייסע נעפּלען, דורכזיכטיקע, שוועבן.
איך צי איין די לופט ווי אַ פרישן געטראַנק.
איך זינג אַזאַ פרייילעכס פון „מונטערגאַנג"
און גוט איז מיר שפּאַנען צום טאַקט פונעם ליד;
און גוט איז מיר — יונג זיין און לעבן.

אומרו און אומעט — פינצטערער צווילינג —
ענגקייט פון שטוב האָט געטריבן.
דורך שלאָפלאָזע נעכט און פאַרביטערטע טעג
געזען בלויז: מיין חבר אין בלוט אויפן וועג —
און שאַרף ווי אַ חלף און שטומפּיק ווי שטיין,
האָט פּיין מיך צעשניטן, צעריבן.

אַ חברס געזיכט, זיין שטים, יעדער זשעסט —
פאַרקריצט זיך, בלייבט פאַר די אויגן.
דער טויט לאָזט זיין שאָטן. טרייבסט אים — דו מוזט —
נישט דערמאָנען ביים לעבן, ווי נאָענט — נישט געוואוסט:
די אייגענע ליבשאַפט, דעם חברס פאַרנעם,
זיין אַרבעט, דעם מענטש — נישט דערוואויגן.

בלייבט אומקום־קאַשמאַר — אַ ראַק אין געמיט —
שלעכט ווערט, ענג ביז דערווידער,
נאָר שטאַרק איז דאָס לעבן. עס גייט זיך זיין גאַנג.
און גוט איז אַזוי, עס טוט מיר נישט באַנג,
וואָס צער ווערט געלייטערט אין שפּאַן פון פאַרשטאַנד,
וואָס טרויער פאַרגיין קאָן אין לידער.

„ס'איז דאָס לעבן אַ טעות און דאָס וויסן דער טויט."
געזאָגט האָט עס געטע, דער ריז פון געדאַנק.
איך וואַרף עס צוריק. איך נעם עס נישט אָן.
עס פּלאַטערט אַן אַנדער רוף אויף מיין פאָן:
„זאָל לעבן דאָס לעבן!!" דאָס ליכטיקע לעבן!
דאָס „וויסן", דאָס קלוגע — ווי שעדלעך, ווי קראַנק.

שפּילן די ווינטלעך. ס'איז קיל און ס'איז פריש.
איך טראַכט פון דעם חבר דעם ליבן.
זיינע פרייילעכע לידער. נישט אומעט־פאַרפרעסט —
קיין „טעות", איך זינג זיי, דערוועג און דערמעסט:
דער זין פון זיין לעבן — זיין אַרבעט, זיין ליד —
דער זין! דער טויט האָט דעם זין ניט צעריבן.

נאָך גאָרקין

שטיל.
די זון ברענט הייס אַראָפּ
אויף גאָלד פון רייפן קאָרן;
אַ לערכע זינגט אין בלאָער טיף,
אין ווייטן רוים פאַרלאָרן.

אַ קינד —
איך זיץ ביים ראַנד פון קאָרן־פעלד,
דאָס שטעטל פלאַך צופוסנס;
איך לייען אַ בוך —
אַ פרעמדע וועלט, אין דייטשער שפראַך —
איך לייען אַ בוך פון רוסן.

פון בלאַט צו בלאַט —
דאָס אויג איז פייכט —
דאָס אויג איז אָנגעצונדן —
און ס'וויינט דאָס האַרץ, און ס'לאַכט דאָס האַרץ —
און ס'פליען, ס'פליען שטונדן.

ס'ווערט אָוונטיק.
דאָס קאָרן רוישט.
דער זון, דער זון —
וואָס טוט ער . . .
איך אָטעם שווער; דער פולס גייט שנעל —
איך לייען
גאָרקיס „מוטער".

אַ אינגל נאָך — אַ קינד כמעט —
און גאָרקי איז געקומען
און ביים שטילן קאָרן־פעלד,
אין יענעם הייסן זומער־טאָג,
מיך פאַר דער האַנט גענומען. . . .

— — — — — — — — — — — — — —

און יענער טאָג —
שוין לאַנג צוריק —
וואו איז דער טאָג פאַרשריבן . . .
אזויפיל טעג פאַרגעסן שוין ! —
און יענער יונגער זומער־טאָג —
ער איז אין מיר פאַרבליבן.

האָב איך געוויינט, א שטילע טרער,
נאָך גאָרקין,
נאָך מיין לערער.
זיין לעבן — פון זיין „קינדהייט" אָן —
איז דורכגעגאַנגען פאַר מיין אויג —
א לאַנגער וועג,
א שווערער.

איך האָב געטרויערט מיט דער וועלט —
און מיט דער וועלט
באַנומען :
עס גייט דער טויט זיין קאַלטן וועג
און פרעגט נישט :
מעג איך קומען . . .

נאָר טיפער,
טיפער ווי דער צער,
האָט צאָרן מיך צענומען —
ווען כ'האָב דערוואוסט זיך,
מיט דער וועלט —
אויף וועמענס הענט
עס קלעפּט דאָס בלוט ! —
פון וועמענס וויסטע מערדער־הענט
ס'איז גאָרקי אומגעקומען !

אין האַרץ האָט זיך א פלוך צעגליט
און ווילד דאָרט אויפגעריסן.
נאָר גאָרקי לעבט !
מיין לערער לעבט !
און העלער לויכט זיין וואָרט נאָך היינט —
זיין וואָרט —
דאָס וועלט־געוויסן !

פון יענעם טאָל

טראַכט איך אַמאָל

מיין שטעטל געווען איז ווי שטעטלעך אַלע —
ס׳איז אפשר נישט ווערט עס דערמאָנען אפילו —
אַ ראַשיקער מאַרק־פּלאַץ; פאַרהאָוועטע אידן;
אָרעמע געסלעך, פאַראומערטע, שטילע.

אַ שטעטל אַ קליינס; אַ שטעטל ווי אַלע:
עטלעכע גבירים; עטלעכע פּאַנעס;
אַ „בורמישטש" אַ דיקער, מיט שטרענגע צוויי וואָנסן,
שטאַלטנע רוטענער און בייזע מיעשטשאַנעס.

אַ שטעטל מיט בלאָטעס; מיט פאַרניאַרעטע קינדער;
מיט הונגער און דחקות — צו־וואָס עס דערמאַנען . . .
נאָר שווער, ווייזט אויס, איז אַ מענטשן פאַרגעסן
די ערד, די פיר ווענט, וואו זיין וויג איז געשטאַנען...

געדענק איך די געסלעך, געדענק איך די שכנים;
געדענק איך דעם ריח פון ליימענע דילן —
געדענק איך זיי אַלע, מיינע קינדהייט־חברים;
געדענק איך די פרייד פון געשלעגן און שפּילן...

געדענק איך: מיין חבר פלעגט קומען פון חדר
ווינטער ביינאַכט, מיט אַ פאַרהויכטן לאַמטערן,
און אַ גאַנצע וואָך ציטערן פאַרן שבת נאָכמיטיק,
ווען ס׳פלעג זיין מלמד אים קומען פאַרהערן...

און איך פלעג אַ לאָז טאָן זיך דעמאָלט אויף ליזשוועס
און די טיפקייט פון שנייען טאָפּטשען פאַרשמייעט —

דער שבת פֿאַר מיר געווען איז אַ יום־טוב —
מיט ווינט אויף די באַקן און שפּילן פֿאַרטאַיעט.

אַפֿט פֿלעגט מיין טאַטע דורכן פענצטער אַ קוק טאָן
און שמייכלען צופֿרידן, און טאַקע אַמאָל זאָגן:
— מאַטיק, אַנו, כאַפּ די פֿיס אויף די פּלייצעס,
אַנישט וועט דיך יאַנקע מ׳חזירניקס דעריאָגן.

מיין טאַטע, אַ גוראַלניק, אַ שוואַרצער, אַ הויכער,
אָן פּיאות, אָן ציצית, אָן שטריימל, אָן קאַפּטן.
אין שטאָט פֿלעגט מען זאָגן: אַ געבילדעטער מענטש —
נאָר אַז ער האַלט נישט פֿון כשרות, דערפֿאַר קען מען האַפּטן.

בין איך געוואַקסן אַזוי ביי מיין טאַטן דעם „דאַדטש"
און געלערנט ס׳געזאַנג פֿון די לערכן דערהערן;
געלערנט, אַז „גאָט איז אַלץ, די נאַטור —
און נישט אַזאַ וועזן, וואָס וואוינט איבער שטערן . . ."

האָב איך געלערנט בלויז עברית־בעברית אַ ביסל
און קיינמאָל די באַנק נישט געקוועטשט אין אַ חדר;
נאָר פֿון „טראַדיציאָן" האָט מיין טאַטע דוקא געהאַלטן —
און פּסח געפּראַוועט מיט קינדער דעם סדר.

קיין רחבות איז קיינמאָל ביי אונדז נישט געווען —
אין דעם פּרט האָט פּסח זיך ווינציק געביטן —
נאָר „אל־בנה" זינגען האָט מיין טאַטע געקאָנט,
כאָטש דעם סדר געפּראַוועט ווי אַ גוי, אָן אַ היטל.

איז פֿרעמד מיר געבליבן דער גאָט פֿון מיין שטעטל —
כ׳האָב קיינמאָל געדאַוונט אַנטקעגן מיין ווילן —
געוואָרן בר־מצוה מיט אַ האַלב יאָר צו שפּעט —
האָט מיר מיין ברודער געוויזן ווי אָנצוטאָן תפֿילין.

ס'האָט אפילו שטאַרק זיך געחידושט מיין חבר
און דערציילט עס זיין פאָטער דעם פרומען.
— אָן שולחן־ערוך! אָן מפטיר! — ווי הייסט?!...
איז יענער מיט טענות צו מיין טאַטן געקומען.

נאָר סיי־ווי — קיין תפילין האָב איך לאַנג נישט געלייגט
און דעם סוד נישט באַהאַלטן פאַר קיינעם.
דאָך געפֿעל האָט זיך אַ שושקע געטאָן
און ס'האָבן געשאָלטן די שכנים...

נאָר איך האָב מיין אינגליש לעבן געלעבט —
מיט אומעט, מיט שפּיל און מיט טרוימען —
ביז ס'האָט דער יונגלינג צעוועקט זיך אין מיר —
דאָס בלוט — אין ערשטן, אין זינדיקן שוימען...

אה, ציטער פון ערשטן, געוואגטן באַריר;
פון ערשטע, שפּעט־נאַכטיקע שעהען...
אָ, ערשטע, דאָרניקע אייפערזוכט־פּיין,
ווען ס'האַרץ איז פאַרקראַמפּט, ווי אין קלאָען! —

ס'איז היינע געוואָרן מיר דעמאָלט אַ פריינט;
ס'האָט גאָרקי גענומען מיך רעגן.
היים האָט די בענקשאַפט געטאָן זיך אַ ריס
צו פרעמדע, פאַנטאַסטישע וועגן...

נישט איינמאָל האָב איך מיין רוקזאַק געפּאַקט —
אָפשייד נישט איינמאָל גענומען...
— ביז ס'האָט דער צייט־ווינט געטאָן מיך אַ שטויס —
און כ'בין שוין צוריק נישט געקומען.

נאָר שווער איז אַ מענטשן פאַרגעסן, ווייזט אויס,
דאָס אָרט, וואו זיין וויג איז געשטאַנען.

אין פייער פון הייסער, פון בראַנדיקער צייט —
מוז מען, מען מוז זיך דערמאַנען...

טראַכט איך אַמאָל — ס'איז אפשר נישט ווערט —
און פאַרליר זיך אַזוי אין מיין קלערן;
און בלאָנדזשע דורך פּלאָנטער פון יאָרן צוריק,
צו די שוועלן פון פרייד און פון טרערן...

אין מאָרד-ווײסטע טעג

כ׳דערמאָן זיך:
דאָס דאָרף טשאָרטעריע, אין שניי אײנגעהילט,
פון ווײטנס — דער ברום פון הארמאַטן.
איך קוק דורך אַ פענצטער — קיין ריר ניט, קיין שאָרך,
אין פחד פאַרגליווערט איך שטיי און איך האָרך —
אָט קומט מען — אָט שיסט מען דעם טאַטן.

הינטער מיר, אויפן דיל,
מיט פאַרשטשירעטע ציין,
מיט בלוט אויף באָרד און אויף פיאות —
פון קוילן צעלעכערט, רב זאַנוול ביים וואַנט —
מיר דאַכט: איך זע נאָך זיין וואַקס-געלע האַנט
בעת ער גיט אָפּ די לעצטע מטבעות...

און געשטאַנען אָט ערשט,
אַ קינד ביי דער זייט,
מיין מאַמע — אַנטקעגן צוויי ביקסן — ביים פלויט;
האָט אַ טשערקעס, גערירט פון די קינדערשע טרערן,
אַ צי געטאָן מאָדנע פלוצים דעם שטערן —
און געמורמלט צום צווייטן: „נישט טויט.״

כ׳געדענק: זעלדע, אַ בלאָנדע,
די טאָכטער רב זאַנוולס,
ס׳קלינגט נאָך אין אויער אַ שיכורער ריטש:
כ׳זע נאָך — צוויי אויגן חיהש-צעצונדן,
איר בלענדיק לייב אַזוי בלוטיק-צעשונדן:
איך הער נאָך איר גרילציקן קוויטש...

אָ, בלוטיקער טאָג,
כ׳וועל קיינמאָל פאַרגעסן —
איך שטיי פאַרן פענצטער און האָרך —
עמעץ בליפּעט אין שטוב אין אַ ווינקל באַהאַלטן,
איך קוק אויפן דרויסן, דעם שנייאיקן, קאַלטן —
קיין ריר נישט, קיין אָטעם, קיין שאָרך.

מען הערט נישט, אנטשוויגן
דער ברום פון הארמאטן,
די שטילקייט איז אומהיימלעך־שווער.
דער שניי ליגט צעפינקלט אויף פֿויערשע הויפֿן:
עפּעס שעפּטשעט דער טאטע פון — פּאקן, אנטלויפן...
איך ענטפער נישט, טו זיך קיין קער.

כ'זע: ס'עפנט זיך לאנגזאם
א טיר פון א כאטע,
א פויערשע מיידל בלייבט שטיין אויפן שוועל:
אין איין האנט אן עמער, א שטריק אין דער צווייטער —
דער נאָענטער ברונעם איז איצט אזא ווייטער —
זי צעגערט, אנטשליסט זיך — גייט שנעל.

אין שניי אומבארירטן
כ'זע אירע שפורן:
איר בליק איז אָנגעשטרענגט, הארט.
דעם ברונעם — דערגרייכט: מיט קרעפטיקער האנט
דעם עמער א הויב און אריבער דעם ראנד.
זי זעט נישט — עמעץ שארט זיך ניט ווייט, עמעץווארט...

א טונקעלער פליאם,
לעבן א פלויט א באשנייטן,
דער קאָזאק — א באוואָפנטער ריז.
הינטער קוטשמע קודלאטער כ'זע זיינע אויגן:
ער קוקט אויף איר קערפּער איבער ברונעם געבויגן,
אויף די שווערע, באשטיוולטע פיס...

מיט באַגנעט אויף דער ביקס,
ווי א חיה אין לויער,
ער רירט זיך נישט, ווענדט נישט דעם בליק —
וואָס וועט איר די רגע די צווייטע באשערן —
כ'ציטער, כ'וויים שוין וואָס קאָן מיט איר ווערן...
און אָט, אָט נעמט זי דעם עמער און שטריק.

זי דרייט אוים דעם קאָפּ —
בלייבט ווי פארגליווערט,
פון האנט גליטשט דער עמער זיך לאנגזאם ארויס.

ער הויבט אויף די ביקס — אָט באַלד וועט זי קנאַלן —
איך האַלט איין דעם אָטעם — זי לויפט שוין — פאַרפאַלן,
זי וועט נישט דערגרייכן איר הויז.

און ער, מיט אַ שפּרונג אַזאַ
פון אַ טיגער,
שיסט נישט — פאַרלויפט איר דעם וועג;
ס'וועט לאַנג נישט געדויערן — ס'קאָן נישט געדויערן —
זי לויפט אין זינזאַגן, פאַלט — און פאַרלוירן:
בלייבט ליגן, גיט אויף דאָס געיעג...

ער בלייבט לעבן איר
פאַרשמייעט אַ רגע
און וואַרפט זיך אַרויף אויף איר גוף —
זי לאָזט נישט, זי גראַבלט, זי בייסט מיט די ציינער,
שרייט נישט, נאָר האָגלט מיט פויסטן ווי שטיינער
אין לעצטן, פאַרצווייפלטן פּרואוו...

כ'קאָן זיך פון פענצטער —
כ'קאָן זיך נישט ווענדן —
פאַרהוילן זי ליגט און צוקט אויפן שניי;
כ'רוף נישט, כ'האָב מורא, ס'זעצן די פּולסן —
ער ליגט איבער איר אין מאָדנע קאָנוואולסן,
אין משונהדיק־ווילדן געדריי.

געזען האָב איך נאָך:
אַ ווילדע גרימאַסע.
דעם קאָזאַק ברייט־שפּוריק געלענט אויף דער שפּיז;
זי וואַנקט איבער ווייסקייט, וואָס פאַרבט זיך פּורפּורן...
געזען: ביים פאַל אירע בלוטיקע שפּורן,
אירע נאַקעט־צעשונדענע פּיס. . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

דערנער פאַרפלאָכטענע,
מיינע פרי־אַלטע טעג,
אין שאָטנס פון אומקום צעוואַקסן.
פאַרבליבן אין מיר איז אַ גרויליקער בוך,
יעטוועדער שורה אַ גאַליקער פלוך,
פאַרקריצט פון די בלוטיקסטע שלאַכטן.

אַ בריוו פון תל־אָביב

. . . האָסט לאַנג שוין, לאַנג מיר קיין בריוו נישט געשריבן,
און איך, דאַכט זיך — אויך געשוויגן צו לאַנג.
מיר ווערן פֿאַרפֿרעמדט. מיך פּלאָגט דאָס געוויסן.
די צייט האָט מיט קאַלטע הענט אונדז צעריסן...
איך טראַכט דערפֿון אָפֿט — און נישט איינמאָל,
נישט איינמאָל טוט עס מיר באַנג.

פֿערצן יאָר — כ׳האָב אַ סך זיך געביטן.
דער קוק אויפֿן לעבן איז אַנדערש ביז גאָר.
געפֿיבערט אַמאָל, געהאָפֿט און געפֿלאַטערט —
נישט איין יאָר מיט פּוסטע חלומות געפּטרט —
איצט קוק איך מיט קאַלטע, מיט ניכטערע אויגן
אויף רויער, אויף שטעכיקער וואָר...

געדענקסט נאָך מסתם: סימעניוווקע, די פֿעלדער;
ס׳געזאַנג פֿון חלוצים „נאַניטש" מיט פֿערד;
די נעכט אויף קילע, טוי־פֿייכטע סטויגן —
מיר פֿלעגן דאַן טרוימען מיט אָפֿענע אויגן
פֿון פֿרייהייט אין לאַנד פֿון די אָבות,
פֿון אַרבעט אויף אייגענער ערד...

מיר האָבן געאַקערט, געזייט און געקאָסעט;
ס׳האָט הער בערמאַן, דער גיטיטש, געשטוינט און געקוואַלן:
„אַזעלכענע בורשן! אַזעלכענע יונגען!..."
ווי אַזוי ס׳האָט דער ציון־פֿאַראיין אונדז פֿאַרדונגען —
מיר האָבן דערוואוסט זיך סוף־זומער, געדענקסט?
ווען ס׳האָט דער הער בערמאַן געזאָלט אונדז באַצאָלן.

מירביידע — נאָך אינגלעך, פֿערצן יאָר אַלט —
נאָר ס׳האָט די רציחה אין אונדז שוין געזאָטן.
איז כמורנע געווען דאַן אהיים־צו דער גאַנג —

ס'האָט עפּעס געפּעלט שוין אין אונדזער געזאַנג —
אויף צוטרוי, אויף גלויבן פון העלע געמיטער
איז געבליבן העך בערמאַנס פאַרכמורעטער שאָטן.

אין שפּעט־האַרבסט ביסטו דאַן פון שטעטל פאַרשוואונדן.
ס'האָט יעדער געפרעגט מיך: פאַרוואָס? וואוהין?
ערשט ווען כ'האָב דיין שרייבן פון לעמבערג באַקומען,
האָב איך עס מיט פיינלעכער קלאָרקייט באַנומען —
און מיט אַ געפיל פון פרייד און פון אומעט
געהאָפט: וועסט דערפאָרן קיין ווין.

נאָר ווען כ'האָב דערוואוסט זיך, אַז ביילקע, דיין מיידל,
האָט פון דיין „פּלוכט־פּלאַן" געוואוסט שוין אַפריער —
איז שווער מיר געווען מיין ברוגז פאַרווערן:
ס'האָט מיך באַליידיקט, פאַרדראָסן ביז טרערן,
וואָס האָסט נישט קיין צוטרוי געהאַט צו דיין חבר,
וואָס האָסט זיך באַהאַלטן פאַר מיר.

— . . . נו, איז געגנוג שוין: ס'איז מיינע אַ שוואַכקייט
צו גלעטן דעם עבר, צו קוקן אויף קריק —
איצט בין איך דאָ — פון פוילן אַנטלאָפן —
אין שטעטל איז גאָרנישט געווען וואָס צו האָפן —
און באָטש עס איז ווייט דאָ פון „מילך און פון האָניק..."
בענק איך אַהין נישט צוריק.

„ציון" — דער חלום איז לאַנג שוין צערונען:
געבליבן — אַ נאָך־טעם, אַ פיינלעכער סליאַד...
און „פרייהייט" — איך זשיפּע דאָס וואָרט צווישן ציינער!
גלויב מיר: אין דעם פּרט בין איך דאָ נישט איינער —
כ'קען דאָ אַזויפיל ביטער־אַנטוישטע,
אַזויפיל קראַנקע מיט נאָכווי פון טשאַד.

ס'איז אַלץ דאָ געבויט אויף לופט, פּאָוויטינע.
ס'ווייסן אַ סך: אַ פּאַפּירענע בריק.
איצט האָט דער בנין זיך קרישלען גענומען.
מיר האָבן געפילט: עס מוז דערצו קומען —
ווי נאָר ס'וועט אַ צוק טאָן דער ענגלישער לייב,
ווי נאָר ס'וועט אַ בליץ טאָן מיט קריג...

און איך האָב אַ ווייב, אַ קינד — און אַ דירה,
וואָס דאַרף זיך ערשט בויען, נאָר כ'צאָל שוין פאַר איר...
האָט זיך אָפּגעשטעלט לעצטנס מיין ארבעט אינגאַנצן —
נישט יעדער פאַרמאָגט דאָ אַ פּרדס — מאַראַנצן...
מעסט איך די הייסע תל־אָביבער גאַסן —
נאָר מייד אויס מיין אייגענע טיר...

ס'קומען אין האַנט מיר אַמאָל דיינע לידער —
כ'בין דיך מקנא, דו שטייסט אין געפעכט.
דעם אמת איז שווער דאָך אין זיך צו באַהאַלטן —
איך האָב זיך שוין אויך באַפרייט פונעם אַלטן —
איך זע דאָך: ס'איז דאָ אויף קיין ברעקל נישט אַנדערש:
אויך דאָ איז מען — האַר אָדער קנעכט!

כ'שטיי דערוויל אָפּ נאָך: כ'שרעק זיך אַ ביסל
צו גיין אויף דעם קאַמף־וועג. ס'איז שווער מיר, פאַרשטיי:
נישט גרינג אויף דעם וועג דאָ די תפיסה פאַרמיידן —
און ס'ווייב מיינס, מיין קינד אויף וועמען וועט בלייבן...
איך ווייס: ס'איז אַ שוואַכקייט. כ'קען זיך נישט העלפן —
כ'זאָרג זיך, איך ציטער פאַר זיי.

נאָר איידער איך ענדיק — זיי זיכער: כ'וועל קומען!
ווי לאַנג וועל איך קענען שטיין ביי דער זייט?...
ס'ווערט פריקרע, ס'ווערט נמאס אַליין זיך פאַרדאַמען —
כ'בין נישט פון די מענטשן וואָס קענען זיך צאַמען —
און כ'ווייס וואָס עס פאָדערט פון מיר מיין געוויסן,
כ'ווייס וואָס עס פאָדערט מיין צייט...

ס׳ענטפערט אַ זון

מיין פֿאָטער, מיין ליבער, וואָס זאָל איך דיר שרייבן?
וואָס זאָל אויף דיין בריוו איך דיר ענטפֿערן היינט? —
אינדרויסן איז פֿרילינג. אַ טיף־בלאָער הימל.
און ס׳לעבן איז, דאַכט זיך, היינט יעדן אַ פֿריינט...

עס שטראַלט די זון אַריין דורך מיין פֿענצטער,
עס שמעטערן פֿייגל מיט העלן געצוויש —
און אומעטיק איז מיר; און ס׳ברענען די אויגן —
דיין אָפֿענער בריוו ליגט פֿאַר מיר אויפֿן טיש.

איך נעם דיך אַרום מיט אַזויפֿיל געדאַנקען;
איך וואַנדער צוריק אַזוי ווייט פֿון מיין איצט —
יעדן זשעסט דיינעם זע איך, יעדן שטריך, יעדן שמייכל —
כ׳זע דיך אין מיר — אין מיין פּנים פֿאַרקריצט.

דו האָסט מיר געגעבן אַזאַ מין ירושה;
אַזאַ מין באַגאַזש פֿון דיין אייגן געמיט!
איך טראַכט אָפֿט: צי זינג איך, וואָס דו האָסט געחלומט?
צי איז נישט דיין שוויגן דער רוף פֿון מיין ליד? —

דו שרייבסט מיר — ביסט איינזאַם, ביסט אַלט און צעבראָכן,
ווי ס׳גוססע שטעטל אַזוי עלנט און הויל...
דו שרייבסט מיר — ס׳איז שפּעט אויפֿן זייגער פֿון לעבן,
נאָר ס׳זיינען די ווייזערס פֿאַר דיר שוין צו פֿויל...

מיר דאַכט זיך — איך זע ביי די ווערטער דיין שמייכל
און כ׳הער — דו ציטירסט פֿון אַ דייטשן געדיכט:
„אונד דאַס איסט די ליבע, אונד דאַס איסט דאַס לעיבען"...
און ס׳ווערט אַזוי וואָלקנדיק־שווער דיין געזיכט.

דיך האָט די ענגקייט קיינמאָל נישט באַפֿרידיקט;
האָסט שטענדיק געבענקט נאָך ווייטקייט און רוים.
האָסט שטענדיק מיט פּלענער מיט גרויסע געפֿיבערט
און שטענדיק — געבליבן פֿאַרבענקט מיט דיין טרוים.

כ׳געדענק, ס׳האָט געזאָגט דיר דיין שוועסטער, מיין מומע:
„הערשל, דו פּלאַטערסט, דו לויפֿסט פֿאַר די פֿערד."
און דו האָסט מיט פּשוטער ווירדע געענטפֿערט:
„בעסער ווי זיין אונטער פֿאַדקאָוועס די ערד..."

און כאָטש נאָך אַ אינגל — אַ קינד נאָך אין יאָרן —
איז דיין ענטפער געוואָרן אַ שטערן פאַר מיר
און האָט מיר געלויכטן פאָראויס דורך מיין יוגנט —
און האָט מיר געעפנט צום לעבן די טיר.

פאַרשטיי איך דיין טרויער; פאַרשטיי איך דיין עלנט —
נאָר איין זאַך טוט ווי אין דיין בריוו מיר פאַרשטיין:
אַז איך זאָל געדענקען דעם כּלל פונעם לעבן:
זיין זיך דער נאָענטסטער קודם אַליין!

אַז איך זאָל מיין לעבן מיט שׂכל איצט קירעווען;
אַז איך זאָל נישט מקריב זיין אַלץ פאַר מיין טרוים;
אַז איידער מען ווייסט איז דאָס לעבן פאַרשוואונדן
און ס'בלייבט פונעם חלום צומאָל נישט קיין שוים...

ווייס איך: דו קענסט דעם תוך פונעם „חלום" —
כאָטש זיכער פאַרשטייסטו נישט גאַנץ ווי מען דאַרף —
נאָר זיין, ווי דו זאָגסט, אַליין זיך דער נאָענטסטער,
אָט־דאָס האָט אַ ברי־גערטאָן שטעכנדיק, שאַרף.

אָ, איך ווייס: די צייט איז אַ מייסטער —
זי טעסעט פאַמעלעך, נאָר זיכער, געשיקט;
און דאָס, וואָס אַ שווערד וואָלט קיינמאָל נישט פאַרטיליקט,
דאָס האָבן שוין יאָרן נישט איינמאָל צעפליקט...

איז וואָס זאָל איך שרייבן, מיין פאָטער, מיין ליבער,
וואָס קען אויף דיין בריוו איך דיר ענטפערן היינט? —
איך בין אַזוי פול — ס'איז פרילינג אין דרויסן
און ס'לעבן איז, דאַכט זיך, היינט יעדן אַ פריינט...

די זון שטראַלט אַריין דורך מיין אָפענעם פענצטער,
עס שמעטערן פייגל מיט העלן געצוויש —
אַזוי פלעגט דער פרילינג מיין קינדהייט פאַרזינגען —
איצט ליגט דיין בריוו פאַר מיר אויפן טיש...

איז לייען איך די שורות און אומעטיק איז מיר
און ס'וואַנדערט צוריק אַזוי ווייט מיין געדאַנק —
און כ'הער דיינע ווערטער — דיינע רייד צו מיין מומען —
טראַכט איך — און ס'טוט אַזוי באַנג...

פון יענעם טאָל

בלאָער הימל ;
פייגל־שמעטער ;
ענדלאָז־כוואַליענדיקע גאָלדיקייט פון ווייץ ;
דער קייזער־שטראָז, דער גראָער,
איבער גרינע היגלען קלעטערט ;
אומעטיקע שניטער־לידער
נאָגן מיט אַ שווערן, מיט אַ באַנגן רייץ.

אַ קאָסע בליצט
אין בלאָ־געטופּטער קאָניעשינע ;
אַ ברוינע פּויערטע ;
אַ פּליזשיק ;
אַ פאַרדייוועט פערד.
אַ רייטער יאָגט ;
אין ווינט — אַ שטרויענע טשופּרינע ;
אַ בענקשאַפט שלאָגט, אַ צייטיקע,
פון זאַנגען,
פון דער דופטנדיקער ערד.

אין פלאַכן טאָל —
דאָס שטעטל, האָראָדענקע.
די בידנעקייט
מיט גאָלד פון זומער־זון באַשפּריצט.
דאָס טייכל — די טשערוואָנע —
ביים בית־עולם,
די בלאָע סקאַלעס בלויז געדענקען —
אין מצבות אין צעקרימטע,
וויפיל בלוט און וויפיל טרערן
ס׳זיינען איינגעקריצט...

אויף סטרילשטשער וועג — די קאַפּליצע די קליינע ;
דער סאָביק־טייך, דאָס וועלדעלע ביים ראַנד ;

דער קאַשטשאַל־שפּיץ;
דער דאַך פון דער געמיינדע —
כאַטש נעם דאָס גאַנצע
און פאַרדעק עס
מיט אַ דלאָניע פון דער האַנט...
און הער — ביים שטעטל צוקאָפּנס —
צווישן סעדער,
ווי אַ פעסטונג,
דראָענדיק און שוואַרץ —
דאָרט, וואו ס'גייען אום דערשראָקענע, מיט היט אין הענט,
די כלאָפּעס —
דאָרטן שטייט דער אַלטער, ליובאָמירסקישער פּאַלאַץ.

און טיף,
אין דעם געפּלעכט פון געסלעך —
די גרויסע שול, דאָס בית־מדרש און די קלויז;
דאָס שטעטעלע —
וואָס פון דער נאָענט
איז עס אַזוי איינגעהויקערט־העסלעך —
און פון דער ווייטנס
זעט עס אויס אַזוי נעט־געווירעט,
זעט עס אַזוי שיין־אידיליש אויס.

אין אַט־דעם פלאַכן טאָל
האָב איך מיין ערשטן חלום אויסגעשפּונען;
ביי דער קאַפּליצע,
צום ערשטן מאָל,
באַרירט אַ יונגפרויס ליפּ.
אין יענעם טאָל —
אַן עבאָ אין דער אייביקייט אַנטרונען —
איז מיין מאַמעס נאָכגעגאַנגען צום בית־עולם
מיין פאַרשטיקטער, קינדערישער כליפּ...

געווען איז דאָס אין אָסיען־אָוונטן אין לאַנגע,
ווען איבער שטעטל — ווי אַ טיפע ים־נאַכט —
איז די פינצטערניש געלעגן —
דעמאָלט האָט מיין פּחד
אויסגעטרוימט אַ וויזיע
פון לאָמטערנעם טויזנטער צעהאַנגען —

פון אַ ליכטיקייט,
וואָס זאָל זיך שפּיגלען
אין דער בלאָטע פון די אַסיענדיקע וועגן.

אין יענעם טאָל — אין האָראָדענקע —
האָב איך צום ערשטן מאָל
געגאַרט
נאָך סוד פון האָריזאָנט —
און אויב אַ קינד קען אָנמערקן אַ ציל פאַר בענקען,
האָב איך געבענקט ביז קאָלעמיי אַזש —
און ווייטער
האָב איך בענקען נישט געקאָנט...

אין יענעם טאָל
האָב איך צום ערשטן מאָל די פרייד באַנומען;
צום ערשטן מאָל
באַנומען האָב איך דאָרט דעם גרויל.
די פרייד —
ווען ס׳איז מיין טאַטע — אַזאַ שטאָלטנער —
פון אַמעריקע געקומען!
דעם שרעק — מיט איין יאָר שפּעטער —
ווען ס׳האָט אַ קאָזאַק
אָנגעשטעלט אויף טאַטנס שטערן אַ פּיסטויל...

ס׳האָט דער קאָזאַק דאַן מיין טאַטן נישט געשאָסן —
נאָר מיטן גרויל
האָט אויך דער ערשטער האַס
געטאָן אין האַרץ ביי מיר אַ שפּרונג.
דערנאָך, ווען ס׳איז אין יענעם טאָל
דאָס בלוט אין טייכן שוין געפלאָסן —
האָב איך אויפגעהערט אַ קינד צו זיין —
האָב איך אויפגעהערט צו טראַכטן יונג...

און קאָלעמיי
האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס ווייטסטע...
און די גרויסע שול איז אויך געוואָרן קליין.
צו די האָריזאָנטן —
צו די וועגן, צו די שטויביקע, געקרייצטע —
האָט דער טויט אַ זעץ געטאָן אין שויבן

און מיט בלוט אין אויג באפוילן:
גיין!

און ווען דער טאָג פון קריק־קער איז געקומען
און די נאַקעטקייט פון קוימענס
האָט אַ שוואַרץ געטאָן פאַר אויג —
איז די בענקשאַפט שוין געווען פאַרטריקנט אויפן גומען —
איז דאָס האַרץ, דאָס אינגלישע,
געווען שוין — רויק...

איז ווייט — ווי קאָלעמיי אַמאָל —
מיר איצט מיין האָראָדענקע.
און דאָס, וואָס איז פאַרבליבן נאָך —
איז שאָטנדיק און בלאַס.
נאָר נעפּלדיק ווי ס'איז
וועל איך עס שוין געדענקען —
די באַנגיקייט פון ווייטע פעלדער;
מיין ערשטע פרייד;
די קאַפּליצע;
דעם ערשטן אויפציטער פון האַס...

טראַכט איך איצט
פון יענעם טאָל דעם פּלאַכן —
ווייטע, שלייער־שווערע, פרעמדע טעג.
נאָר וועלן וואָלט איך נאָך אַמאָל —
מיט אַ שטילן גרוס
מיין טאַטנס טיר פאַרמאַכן...
און אפשר
צו דער קאַפּליצע אַ וואַנדער טאָן אויף סטרילטשער וועג...

וועלן וואָלט איך נאָך אַמאָל —
אריינזאַפּן אין זיך
די ביטערקייט פון יענע נויטן;
די אָרעמקייט
צופוסנס פונעם פירשטלעכן פּאַלאַץ;
דעם לעבן דאָרט — דעם אידישן —
פון דעקאַגראַם און לויטן;
דעם לעבן דאָרט,
מיט הייסן דיכטער אויג,
אריינקוקן אין האַרץ...

פון פוילן שרייבט מיין פאָטער

. . . וויפיל, אוי וויפיל, וואָלט איך געגעבן
צו זען דיך נאָך איינמאָל, אַן איינציקע שעה —
ס׳צאַנקט נאָך אין מיר אַ העל ביסל לעבן,
נאָר כ׳בין אַזוי איינזאַם, אַלט און פאַרלאָזן...
און אַלץ אַרום מיר — אַזוי גראָ...

אַמאָל האָט דער טויט מיך ביז אומזין געשראָקן —
כאָטש איך בין נישט קיין פחדן געווען אין געפאַר —
איצט הער איך אים שלייכן — שטיל, ווי אויף זאָקן,
און כ׳האָב נישט קיין מורא, כ׳טו נישט קיין ציטער:
און אָפטמאָל מיט אומגעדולד זיך איך און האַר...

ניין, כ׳האָב נאָך די הענט ניט פאַרלייגט ווי צום שטאַרבן:
כ׳באָרע זיך נאָך: דאָס זיינען בלויז רייד...
נאָר וואָס טויג אַ לעבן אַן פריידיקע פאַרבן?
וואָס טויג אַן עלטער פון נויטן פאַרפייניקט,
אַן עלטער — אָן קינד און אָן קיים...

איר זענט דאָך צעוואָרפן, מיינע זין, מיינע טעכטער:
איבער לענדער צעזייטע — ווייט און פאַרפרעמדט...
און איך דאָ — געבליבן אַן איינזאַמער וועכטער
אויף צעשטויבטע רואינעס פון חרובע נעכטנס...
איז שווער מיר: איך ראַנגל זיך — אָרעם, פאַרשעמט...

נישט בלויז ווייל כ׳האָב נישט קיין עלטער קיין זאַטע,
נישט בלויז ווייל די איינזאַמקייט פרעסט ווי אַ וואונד...
דער מענטש אין מיר שרייט! דער — „זשידעק פאַרכאַטע״!
דער אָרעמער איד, וואָס איז הפקר אין לאַנד דאָ,
ווי ס׳איז הפקר אַ קרעציקער הונט.

כ'בין נישט פון די אידן, וואָס לערנען און קנעלן,
דו ווייסט דאָך, איך האַלט נישט פון גאָט.
און זע איך די אָרעמקייט וויינען אויף שוועלן —
הויב איך נישט אויף די אויגן צום הימל...
נאָר כ'פּאָלג נאָך דעם וועלטישן טראָט.

פאַרשטיי איך: די וועלט איז אויף צווייען צעשניטן —
און ווייס: אַנדערש קאָן איצט ניט זיין.
איך ווייס אויך: מען שלאָגט זיך ס'זאָל ווערן פאַרביטן
דער וועלטישער גאַנג לויט אַן אַנדערן סדר —
איז גוט! — און שטילערהייט הער איך זיך איין.

נישט אַלץ וואָס איך זוך, געפין איך אין בלעטער —
האַלט איך דעם אויער אַזוי זיך — ביי דר'ערד...
כ'האָב פיינט פאַרטרייסטן מיין נייגיר אויף שפּעטער —
פאַרשטיי איך צו שווייגן אויף שטילע שפּיצפינגער,
ווען כ'פיל איך האָב עפּעס דערהערט...

מיט מיר איז די יוגנט פון לאַנג שוין אַ שמעלקע —
נאָך פון די צייטן, ווען דו ביסט אין שטעטל געווען —
דיין דור איז דערוואַקסן. טייל שוין פאַרוועלקטע —
ס'קומען צו מיר דיינע אַלטע חברים,
אויך אינגערע קומען. זיי פילן — כ'וועל זיי פאַרשטיין.

מען רעדט נישט צופיל: מען טוט בלויז אַ שמייכל;
מען רופט דאָ קיין זאַכן ביים נאָמען נישט אָן...
זיי ווייסן: מען מעג זיך פאַרלאָזן, דער אַלטער האָט שכל —
זיי ווייסן, אַז דו, אויף יענער זייט ים,
אַז אויך דו ביסט אין זעלביקן קאָן...

דעם אמת געזאָגט: ס'פאַרפאָלגט מיך אַ מורא,
ווען כ'טראַכט, אַז אפשר ביסטו פונקט ווי זיי אין געפאַר —
ס'דריקט מיך אַראָפּ אַזאַ מרה־שחורה,
ווען איינער פון זיי ווערט פּלוצים „פאַרשוואונדן" —
כ'פיל דאַן — מיין בלוט ווערט דערשטאַרט.

זיי שטעלן זיך איין — ס'איז גרויס די סכנה —
ערשט לעצטנס איז וואָווע „ניט־געוואָרן" פון שטאָט.
געבליבן זיין מאַמע, די אַלטע אלמנה —
כ'האָב זי באַגעגנט נישט ווייט פון בית־עלמין,
נאָר גאָרנישט גערעדט: כ'וויים — זי פאַרלאָזט זיך אויף גאָט...

כ'שרייב דיר דאָס אַלץ — ס'איז שווער אָפּט צו שווייגן...
כאָטש כ'טראַכט, אז איר הערט זיך געגוג דאָרטן אָן;
מיר זייגען אין קלעם דאָ, ווי חיות אין שטייגן:
ערגער — אונדז רויבט מען פון מויל דעם ביסן דעם לעצטן
און מ'לאָזט אונדז קיין זשיפּע ניט טאָן...

גענוג. כ'האָב זיך צעלאָזן פּאָעטיש מיט פאַרבן —
מיר דאַכט זיך — דו האָסט עס פון מיר אין דיין בלוט...
איך האָב נאָך די הענט נישט פאַרלייגט ווי צום שטאַרבן —
און דאָס, וואָס איך קלאָג אויף מיין אייגענער דאַליע —
איז מילא, זיי מוחל — ס'איז מיר ביטער, מיין זון, ס'איז נישט גוט...

אַ גרוס דיר, האָראָדענקע!

בידנע שטעטל מיינס,
מיין האָראָדענקע,
דו, וואָס האָסט אויף שוועל פון אומקום
געגוססט אַזוי לאַנג:
ווי קען איך אַנדערש, זאָג,
ווי קען איך אַנדערש דיך געדענקען —
חוץ אין טראַנטעס איינגעוויקלט;
חוץ אין הונגער איינגענורעט,
אויסגעצערט און קראַנק.

ווי קען איך אַנדערש דיך געדענקען,
חוץ אין ציטער פאַר פּאָגראָמען;
חוץ מיט שטיינער אין די שויבן;
חוץ מיט סוויסטש פון קנוט...
האָסט פאַרזייט אין מיר פון גרויל דעם שווערן זאָמען —
ווען ס'האָט מיין אינגליש פּנים
זיך צום ערשטן מאָל געשפּיגלט
אין אַ לוזשע מענטשלעך בלוט.

און דו, מיין שטאָלטנער, שטאָלצער פּאָטער,
מיט די רויט־פאַרוויינטע אויגן;
מיט דעם שמייכל אויף די ליפּן
און דעם אומעטיקן ליד,
לאַנגזאָם, לאַנגזאָם
האָסטו דיינע פּלייצעס איינגעבויגן —
אויך דו ביסט אַלט געוואָרן און צעבראָכן:
אַ פּוילישער,
אַ האָפענונגלאָזער איד.

אָ, ווי איך געדענק,
ווי איך געדענק דעם צוק פון דיינע ליפּן!

ווי איך געדענק דאָס קול דיינס, דאָס פאַרשטיקטע,
ביי אַ צאַנקענדיקן קנויט,
ווען אידיש בלוט
האָט פון דעם דיל, האָט פון די ווענט געכליפּעט
און פון אַ רויט־באַפלעקטער באָרד —
אַרויפגעשטשירעט האָט צו אונדז דער טויט!

אַזוי איז עס געווען;
אַזוי איז עס געבליבן —
ס'האָט די נויט געגריזשעט; ס'האָט די בייטש געקנאַלט.
און מיין האָראָדענקע,
און מיין שטאָלצן טאַטן
האָט די צייט צעריבן —
און געטרייסט האָט בלויז דאָס שטאַרבן...
געטרייסט האָט די מחשבה:
אַט־באַלד... אַט־באַלד... אַט־באַלד...

זע איך דיך אַצינד,
מיין היים, מיין האָראָדענקע;
זע איך איצט, מיין פאָטער,
דיין אַלט, צעשטראַלט געזיכט:
נישט מער שוין וועט אירביידע
אין נויט, אין בלוט זיך טרענקען!
נאָך דורות־לאַנגן מאַטער
איר זייט איצט אויפגעריכט!

זע איך, פאָטער מיינער,
ווי ס'טריפט פון דיינע וויעס —
פון דיינע מידע וויעס —
די פרייד פון לעצטן גליק:
דו ועסט נאָך אידיש בלוט
נישט רייסן מער קיין קריעות!
און דו, מיין האָראָדענקע,
וועסט מער די בייטש פון פאַנעס,
וועסט מער דעם הארטן שטיוול
נישט פילן אין געניק!

אין אונדזער צייט פון וואונדער
ס'האָט אַ נס געטראָפן:
געקומען אַ דערלייזער
מיט פרייהייט, ליכט און זעט.
וועט דיך, מיין אַלטער פאָטער,
די צייט שוין מער ניט שטראָפן...
און דו, מיין האָראָדענקע —
איך גריס דיך,
מיין סאָוועט!

פון מיינע וואַנדער־טעג

ביינאַכט אין אַוטאָבוס

.1

העל צעפלאַמטע אויגן — די פּראָזשעקטאָרס צוויי,
דער אווטאָבוס אַ מאָנסטער קעגן נאַכט און שניי.

שטורעם אונטער רעדער, שטורעם רונד־ארום.
און די טרובע רעוועט מיט אַ בייזן ברום.

פערציק מייל אַ שעה — שנעל — און ניט קיין סך.
צוויי מאָל־הונדערט פערד־קראַפט — ווי עס שלינגט דעם שליאַך.

פּאָרנט אונדזער שאָפער — אַ יונגער בלאָנדער ריז.
אַלע זיינע חושים — אין בליק, אין הענט און פיס.

פון ביידע זייטןביימער — אַ טונקל־ווייס געמיש —
צעהוידעטע אין וויגעס, אין ווינטיקן געסווישטש.

אין אווטאָבוס בלויז פינף — געציילטע פּאַסאַזשירן —
אין מאַנטלען איינגענורעט, אין שטילן מעדיטירן...

.2

נישט קיין בורזשויען דאָ פאָרן,
וואָס יאָגן זיך ערגעץ נאָך פרייד.
מיר האָבן זיך אַלע באַקענט שוין,
דורך קורצע, דורך פּשוטע רייד.

ס'פאָרט — ער ווייס נישט וואוהין —
אַן אויסגעדינטער זעלנער;
אַן ארבעטלאָזער מוזיקער —
זיין לעצטער דזשאַב — אַ קעלנער.

א פרי־צעקנייטשטער קאָובאָי,
וואָס הוסט בעת ער רעדט;
א פאַרמער־פרוי און איך —
אַן אַרבעטער־פּאָעט.

נישט געפרעגט אויף נאָמען
מיט העפלעך־קאַלטער שפּראַך;
בלויז — וואוהין? פון וואַנען?
אויף אַרבעט און אויף פאַך.

3.

דער זעלנער דערציילט געלאַסן און פראָסט:
„מיט זעקס יאָר צוריק די „היי־סקול" פאַרלאָזט;

אכצן יאָר אַלט. א קרעפּטיקער יאַט —
ניט געקראָגן קיין אַרבעט, בין איך געוואָרן סאָלדאַט.

און מיט א שמייכל א האַלבן, אַזוי — אין דער לופט:
מען דאַרף דאָך זיין גרייט ווען דאָס פאַטערלאַנד רופט.

כ'האָב געלערנט, געלערנט פון אינגלוויז אַן:
„דער שענסטער טויט — פאַר דיין לאַנד, פאַר דיין פאָן."

דער שמייכל פאַרשווינדט. די ברעם טוט א צוק —
„און איצט בין איך גרייט — איצט האָב איך גענוג...

„קיין היים איז ניטאָ שוין, פאַר איך מיר גלאַט —
ס'וועט עמעץ נאָך דאַרפן אַנקל סעמס א סאָלדאַט."

ער פאַררויכערט, דערלאַנגט אונדז זיין פּעקל מיט „ספּאָדס":
„יאָפּ, עי גאַי, עפּטער אַל, נידס נאָטן באָט גאָטס..."

„וועל" — מאַכט דער קאָובאָי — זיין קאָל איז א קאַלטס —
ווער עס האָט גאָרנישט — און ווער עס האָט אַלץ.

פון זינט איך געדענק — כ'האָב געאַרבעט, געמוטשעט.
איצט בין איך קראַנק — שוין א יאָר, אַז איך הוסט.

ווינטער דער פראָסט, זומער די זון —
אויף ראַנדזש און אין מדבר — וואָס האָב איך דערפון ?...

ס'איז שיין אין די מואַווים, „איל סעי איט'ס אַרייט",
נאָר הענגען אין זאָטל זעכצן שעה צייט,

אין שטויב און אין ווינט, אין היץ און אין קעלט,
מיט פערד און בהמות אויף אָפענעם פעלד —

דער טאָג ווערט — אַ יאָר, די נאַכט — אַ מינוט...
מען מיינט ס'איז ראָמאַנטיש — דאָס פערד און דער הוט..."

ער ווייזט אויף זיין פנים צעביסן פון פראָסט:
„אַט־דאָס און מיין הוסט האָט דעם דזשאָב מיך געקאָסט."

דער מוזיקער קוקט דורכן פענצטער און זאָגט:
„איך האָב מיך נאָך קיינמאָל אין לעבן באַקלאָגט.

„שטודירט און שטודירט — ס'איז גרויס דער פאַרדראָס —
ס'איז כאָטש נעם און דערלאַנג מיטן פידל אַ שאָס;

„כאָטש וואַרף אַרויס דורכן פענצטער די נאָטן, דעם סמיק —
און כאַפּט זי דער טייוול, די גאַנצע מוזיק!"

ביטער און שאַרף קלינגט זיין יעטוועדעס וואָרט.
די פאַרמער־פרוי זיפצט: „אַ דזשיזוס! אַ לאָרד!"

4.

שפּעטער פעקלעך צעפּאַקט.
מען טיילט זיך מיט פּראָוויאַנט:
און ס'פלעשל, ס'טונקל־ברוינע,
גייט פון האַנט צו האַנט.

„היר איז לאָק!" „דרינק האַרטי!"
„היר איז האַו, מאַי פרענ'!"
„היר איז טו עי דזשאָב!"
„יו בעט! יו סעד איט, מען!"

און ס'ריטשעט בייז די טרובע
און עס סוויסטשעט העל דער ווינט.
דער שניי שמעלצט אויף די שויבן
און טראָפּ נאָך טראָפּן רינט.

דער קאָובאָי זינגט א לידל —
שטיל און טריב דער טאָן —
„גיוו מי בעק מאַי סעדל,
גיוו מי בעק מאַי גאָן..."

דער זעלנער איז אנטשוויגן,
דער מוזיקער פארטראַכט,
די פרוי איז איינגעדרעמלט,
איך קוק אויף וויסטער נאַכט.

מיט ליולקע צווישן ליפּן,
א בענקשאפט אין געמיט —
„גיוו מי בעק מאַי פּאָני . . ."
דער קאָובאָי זינגט זיין ליד...

אויף שליאך סאַנטאַ-פּעיער

הינטער ריזן־בערג באַשנייטע
צאַנקט די זון אין וואָלקן־שלייערם איר צעגליטע גבורה אוים.
בלייבט די פּרעירי שטיל אַזוי,
הויל
און ווייט צעפּראַלט —
בלויז קאַקטוסן קרימען זיך מאָדנע־געשפּענסטיש,
ווי הענט, אין עקסטאַז קאָנוואולסיוון פאַרגליווערט,
ווי צלמים אַ שטעכיק־צעבויגענער וואַלד.

פּאַרביקע פעלזן. מדברשער טרויער.
הימל און ערד —
דערשטאַרט אינאיינעם אין ענדלאָזער ווייט.
און גלייך, ווי אַ ווירע,
און שוואַרץ, ווי אַ שאָטן,
דער אַספּאַלטישער שליאך דאָ,
די ווילדקייט צעשנייט.

און זייטיק פון שליאך,
אין הוילקייט פון זאַמדן,
אונטער עלנטע הימלען,
ווי אַ פּרישטשיק אַ געלער אויף פּרעירישער ערד —
אַן אינדיאַנישע באַטקע, ליימיק, פאַרהאָרבעט,
אַ ציג און אַן אויסגעדאַרט, דרעמלענדיק פערד.

אַ געשטאַלט, אין אַ פאַרביקער דעק איינגעוויקלט,
זיצט פאַר דעם ליים־גרוב,
אַ קינד אויפן שויס:
און ס'דאַכט זיך — זי זיצט דאָ אַזוי שוין
פון אייביק
און קוקט מיט אומעט־שטאַרע שוואַרצאַפּלען
אויף ענדלאָזער הוילקייט פון מדבר אַרוים.

געלעבט האָט אַמאָל דאָ אַ שטאַם אַזאַ שטאָלצער —
בראָנדזענע יונגען מיט פייל און מיט בויגן,

עלאַסטישע רייטער אויף מוטיקע פערד;
און דאָס איז געבליבן אויף שליאַך סאַנטאַ־פּעיער —
אַ ליים־גרוב אַ בידנער,
אַ שקאַפּע אַ דאַרע,
אַ געשטאַלט אַ דערשטאַרטע אויף דר׳ערד.

מען זעט זיי נאָך רייטן אַמאָל איבער פּרעירי —
מיט אַ פּעדער אין האָר,
מיט אַ פאַרביקער סטענגע, וואָס פּלאַטערט אין ווינט;
נאָר אָרעם אַזוי, אויף פאַרטריקנטע „פּאָנים״,
מיט דעם שטעמפּל פון אָפּגאַנג,
מיט פאַרביסענעם שווערמוט
פון אַ פאָלק, וואָס ווייס
עס פאַרשווינדט.

מען זעט זיי ביי ראַנדן פון שליאַך סאַנטאַ־פּעיער,
מיט באַמאָלטע געפּעסן,
מיט שנירלעך אינדיאַנישע קרעלן אין הענט;
און רייכע טוריסטן, אין בלאַנקע מאַשינען,
שטעלן זיך אָפּ, קויפן „אַן אָנדענק״
און צאָלן גרויסמוטיק
מיט בידנע פּאָר סענט.

מען קען זיי נאָך זען, די בראָנדזענע וואונדער —
אין ענגע וואַרשטאַטן
פון שטעטלעך צעוואָרפן איבער „גאָלדענער וועסט״:
הינטער דראָטענע גראַטעס — פּאַר טוריסטישע אויגן —
שמידן זיי קונסטווערק פון מעש און פון זילבער,
מיט פינצטער־פאַרכמורעטע טראָציקע שטערנס,
מיט ליפּן אין שווייגן פאַרפּרעסט.

און דאָס איז געבליבן אויף „טרעיל״ סאַנטאַ־פּעיער
פון העלדישע שבטים,
פון קריגער און יעגער אויף מוטיקע פערד —
ווילדע קוריאָזן,
פאַרמשפּטע שקלאַפּן,
צעקרימטע געשטאַלטן אין ליימיקע גריבער,
באַרויבטע פון אייגענער ערד.

אַרום פּאַרקל

ס'איז שווערמוטיק און גרוי היינט אַרום פּאַרקל,
שלאַבבערדיקע, ווי פון מידקייט, הוידען זיך די פּאַלמען־צווייגן ;
אויף פּייכטן גראָז, די אויסגעשטרעקטע מענער —
אויך אַזוינע אומעטיקע —
קוקן אויף די וואָלקנס, רויכערן
און שווייגן.

אַן אַלטער שיכור שעלט די לײדיקייט פון פלעשל.
אַ פרוי וואַרפט זערנעס צו די טויבן איר צופוסנס.
פון דער בוכטע ווייעט אָן אַ ווינטל,
מיט געזאַלצנקייט פון שטורמישן פּאַסיפיק,
און פאַרטראָגט אַהער פון שיף־סירענעס
דומפּיק־שרעקנדיקע גרוסן.

אויף אַ באַנק, אינמיטן פּאַרקל, זיצן „סטיוועדאָרס" און רעדן
פונעם סטרייק, וואָס האָט גענומען אַרום האַפן זיך צעווייגן.
ס'לאַכט דער בלאָנדער שוועד מיט העלע אויגן,
קוקט אויף זיינע שווערע פויסטן
און אַזוי, פאַר זיך אַליין,
פאַרציט ער שטיל אַן אַלטן „וואָבלי"־ניגון.

ביים ראָג, דאָס יונגע גאַסן־מיידל שמינקט די מידע ליפּן.
אַ פראַנטל ווינקט — זי ענטפערט מיט די ברעמען.
און ביידע גייען זיי פאַרביי דעם אָקסן־קאַרק
דעם „קאַפּ" —
וואָס שמייכלט ביטערע וויסנדיק,
בעת זי ענטפערט : „ניין, ווינציקער וועט זי נישט נעמען..."

איך זע : אַ צייטונג־אינגל לויפט אַדורך דאָס פּאַרקל —
מיט פאַרטערערטע אויגן קוקט אים נאָך אַ הויקערדיקער זקן —
„—עקסטר־עי !"

נאָר ס'אַרט דאָ קיינעם נישט דעם אינגלס שרייען.
בלויז די טויבן, נעבן אַלטן דענקמאָל, פלאַטערן
און צעפליען זיך דערשראָקן.

איך קוק צום שפּיץ אַרויף פון אָט־דעם דענקמאָל, דעם מאַסיוון,
צו דער יונגפרוי אויבן מיטן נעפּטון־גאָפל אינעם לאָרבער־קראַנץ :
ס'דאַכט זיך —
צום רום פון עפּעס דאָרט אַ טויטן אַדמיראַל —
וועט זי זיך באַלד פאַר אַלעמען פאַרנויגן
און זיך אַוועקלאָזן אין אַ גראַציעזן, נעפּל־שלייערדיקן נימפן־טאַנץ.

און מיר איז אויכעט עפּעס נעפּלדיק פון שווערן דרויסן,
און כ'שפּאַן אַרום דאָ לאַנגזאַם און געדריקט.
כ'טראַכט, אַז אין אַ טאָג אַזאַ אַ כמורנעם, אין אָקטאָבער,
אין אַ גאַליציש בלאָטיק שטעטל,
האָב איך צום ערשטן מאָל
דאָס ליכט פון אָט־דער וועלט דערבליקט.

ס'איז האַרבסט, אַלץ אַרום איז, דאַכט זיך, אַזוי פריקרע.
יעדער איינער איז אין זיך אַליין פאַרגאַפט.
בלויז די „סטיוועדאָרס", די העלע יונגען,
רעדן פריילעך אויף דער באַנק דאָרט,
לאַכן ברייט
און אָטעמען מיט קראַפט.

פריסקאָ האַפן

אין שטאָלצן האפן
האָבן לאַנג געשטומט די שיף־סירענעס.
די מעוועס האָבן ארום טויטע קוימענס געפלאַטערט
און איבער פוסטע פראָמענאַדע־דעקס
דעם הונגער זייערן ארויסגעקוויטשעט.
כוואַליעס, ווינט־ און זון־צעפינקלט,
האָבן חוזקדיק די שטאָל־פלאַנקען געקיצלט
פון די פראַכט־ און לוקסוס־לויתנס
און מיט שפּאַט געזאַלצענעם
אין די רונדע אויגן־לוקעס זייערע געפליוכעט.

לענג־אוים דעם האפן
האָבן ריזן־דאָקס
די בעטאָן־ און אייזן־אָרעמס
צו די טויטע שיפן אויסגעצויגן
און געמאַניעט זיי
מיט סחורה־קאַסטנס פולע
און געבעטן —
קומט!

פאָרנט, פאַר די והאַרפן,
זייגען מענטשן אומגעגאַנגען —
מיט האָרנדיקע הענט אזוינע שווערע,
מיט גלאַנציקע מוסקולן טאַטואירטע —
און, מיט אנטשלאָסנקייט מיט קאַלטער אין די אויגן,
געהיט יעדן טויער,
דעם פראָנט געהיט —
די אויסזיכט
אויף אַ בעסער שטיקל ברויט.

האָבן וואָכן און חדשים
זיך געצויגן.
ביים ווינטערדיקן האפן
זיינען ברעטער־בודעס אויסגעוואקסן;
ס'האָבן לאַגער־פייערלעך זיך דאָרט צעפלאַקערט
און די פּיקעטס אויפגעמונטערט
און געוואָרעמט זיי דורך לאַנגע נעכט.

:: :: ::

נאָר געקומען איז
דער טאָג פון פרייידיקער באַלוינונג —
די גרינגע ברעטער־בודעס האָבן זיך צעפלאַקערט
קעגן נאַכטיק־קאַלטן האפן
און מיט יובל־פלאַם
צעלויכטן די סיגנאַלן:
זיג!!

ווי צעוועקטע פון אַ לאַנגן כּישוף־שלאָף,
האָבן שווערע אַנקער־קייטן זיך אויף מאָרגן שוין צעקלונגען;
אימפּעטיקע פּולסן
האָבן האמערן גענומען אין די טיפע דאמפער־לאַבירינטן
און סירענעס פאַרענדיקע
האָבן אויסגעפּרואווט די הייזעריקע לונגען.

זיג!!
ס'האָט פּערציק־טויזנטיק
דער ים־פּראָלעט
אַ וואָרף געטאָן זיך
אויפן רוף פון די סיגנאַלן —
האָט די בוכטע זיך מיט פינקלענדיקן רודער־שוים צעזאָטן
און דער „גאָלדן־געיט"
האָט ווייט צעעפנט
זיינע העלע,
זיינע ווינטיקע פּאָרטאַלן.

אין מדבר

שטיל. אַ פּראַסטיק ווינטל ריזלט דורך פאַרנאַכט ;
די פּרעירי ליגט אַ טונקל־אומעטיקע — פּוסטע.
איך גיי אַן איינזאַמער, אַ פּולער מיט פאַרדאַכט
אויף יעדן ריר,
יעדן שאָרך אין טרוקנקייט פון ווינטערדיקע קוסטעס.

דער גראָער שליאַך — מיט ווייסן שרונט אינמיט —
פאַרלירט זיך אינעם דעמער, ווערט מיט אים פאַרשוואומען.
אויף הארטן אַספאַלט — כ׳הער בלויז : מיינע טריט
און איבער מיר —
טעלעגראַפן־דראָטן דרינדזשען מיט אַ סודותדיק־פאַרבענקטן זשומען.

איך גיי געשווינט, מיט אָנגעשטרענגטן בליק,
ווי ס׳גייט אַ מענטש אין טונקלקייט אויף פרעמדע וועגן.
געזאָגט האָט מיר אַ פאַרמער מיט אַ ווייל צוריק :
שוין שפּעט. בעסער איז —
מיט מענטשן זיך ביינאַכט דאָ נישט באַגעגענען...

נאָר איך האָב בלויז אַ רוק געטאָן אין נאַקן דעם קאַשקעט,
געדאַנקט און מיט אַ שמייכל אים די האַנט געגעבן.
ער האָט מיך אָנגעקוקט, געענטפערט קורץ : „יו בעט" —
און צוגעגעבן —
„אַ מענטש, פאַרשטייסטו, האָט נישט מער ווי איינאונאיינציק לעבן..."

:: :: ::

ס׳איז גרויס די איינזאַמקייט פון מדבר ;
די איינזאַמקייט פון הימל און פון ערד.
און נעמט די טונקלקייט נאָך איינזויגן די וויטן —
ווייעט אַן אַ ליידיקייט אַזאַ פון אַלע זייטן —
ווערט דאָס האַרץ פון אַזאַ אומרו,
אַזאַ נאָגעניש באַשווערט.

טויזנט גריבלענישן הויבן אָן זיך שלענגלען דורך געהירן.
בילדער, לאַנג־פאַרגעסן, שווימען פּלוצים אויף.
אין טריט — ווי עכאָס ווייט־פאַרלאָרן —
קלינגט דומפּיק שרעק פון קינדער־יאָרן,
אין יעדן קוסט, אין יעדן שאָטן
לעבט אָן אַלטער פּחד אויף...

און ס'שטייגט אַ זיסקייט נעפּלדיק פון די קאַשמאַרן —
בענקשאַפטן, חלומות פון אַ קינד —
אַ זשעסט; אַ בליק; אַ פּנים — אַפּגעריסן —
אַ מאָטיוו אַ צאַרטער הויבט אָן קלאַנגלאָז פליסן,
גיסט זיך מיט דער הוילקייט דאָ צוזאַמען,
מיט דעם אָוונט־טונקל און פאַרשווינדט.

:: :: ::

כ'האָב אין אָט־די בילדער זיך פאַרלאָרן.
פאַרגעסן: ס'איז אַ מדבר — כ'בין אַליין.
ערשט ווען ס'האָט אויפגעטויכט אַ מענטש פאַר מיר אין דעמער,
האָב איך אַ פיל געטאָן מיין מעסער
און מיט האַנט אין קעשענע אויף קלינגל
בין איך געבליבן פאַר דעם פרעמדן שטיין.

ס'האָבן אויפגעגליט פאַר מיר צוויי אויגן,
אַ מעסט געטאָן מיך פרעגנדיק און שנעל.
כ'האָב געהערט: ס'האַרץ מיינס האַמערט.
געזען: אַ וויים געזיכט, די ליפּן צוקן
און, פּונקט ווי איך, ער שטייט פאַרגליווערט,
רירט זיך נישט פון שטעל.

האָב איך די הענט פון קעשענע אַרויסגענומען;
געהערט — ער פרעגט מיך וואָס, ער רעדט.
אַ פאַרשעמטער פון דער גרייטקייט פון מיין מעסער
האָב איך פאַר דעם פרעמדן זיך פאַרלוירן
און אָן ענטפער אויסגעשטאַמלט:
„שור — אי גאָט עי סיגאַרעט.״

מיר האָבןביידע אין איין שוועבעלע פאַררויכערט,
אריינגעצויגן טיף, גיריק און מיט האַסט;
ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע
און מיט אַ שמייכל אָפּגעאָטעמט,
ווי עס אָטעמט אָפּ אַ מענטש,
אַ באַפרייטער נאָך־וואָס פון אַ שווערער לאַסט.

:: :: ::

דערנאָך איז גוט געווען צו גיין אין צווייען;
מיר האָבן זיך פון אונדזער הייקער־גליק דערציילט.
די לבנה איז איבער פרעירי אויפגעגאַנגען
און גרינגער האָט זיך איצט די ווייטקייט אויסגעשיילט.

זיין שטים האָט יונגטלעך געקלונגען,
נאָר גערעדט האָט ער מיט ערנסט, מיט באַדאַכט:
— ער האָט עס פיינט, דאָס שלייען זיך אויף וועגן,
דאָס לעבן און אַ טאָג און אַ נאַכט.

ער האָט נישט ליב די פראַכט־וואַגאָנען
און שווער איז אים דאָס בעטן פאַר אַ „ליפט";
עפּעס קען ער זיך קיין אָרט געפינען —
„ענד סאָו — עי גאַי ס'גאַטאַ שיפט . . ."

מיר רופן זיך שוין „על" און „מאָרטי"
און פלאַנעווען שוין — איינשפּאָרן אַ בעט.
די „קרעקערס" האָבן מיר שוין אויפגעגריזשעט,
אויסגערויכערט ביזן לעצטן ציגאַרעט.

פון דערווייטנס האָט אַ שטעטל זיך צעפינקלט —
האָב איך געוואָלט פאַרשנעלערן דעם גאַנג;
נאָר על האָט מיך אַ צי געטאָן ביים אָרבל —
כ'האָב געזען: עפּעס ראַנגלט ער זיך מיט אַ פיינלעכן געדאַנק.

מיט שולדיקייט האָט ער געקוקט אין מיינע אויגן,
געזאָגט: „אַי געס — עי גאַי קען נעוועך טעל . . ."
ער האָט פאַרמאַכט פאַר מיר זיין אָפן מעסער —
כ'האָב געשמייכלט. די פרעירי איז געלעגן ווייט און העל.

אַרום גרענד־קעניאָן

.1

מדבר־שטילקייט, העלער מאָרגן,
און די ווייטקייט שימערירט.
וואו איז אָנפאנג, וואו איז סוף —
ס׳ליגט אַ דורותדיקער שלאָף —
בלויז דער שליאַך, דער ענדלאָז־לאַנגער,
בלויז דער שליאַך וויברירט

יאָגט אַן אווטאָ — און אַ צווייטער;
לאָזט אַ ווינט אַ וואָלקן שטויב.
ס׳הויבט די פרעירי אָן ערשט טאָגן —
און אויף יעדער זייט אין אווטאָס
קוועלט אַ פּנים דורך אַ שויב.

— וואָס איז הינטער יענער ווייטקייט?
וואָס איז דאָרטן פאַר אַ באַרג?
וויפיל, וויפיל זאָגסטו מייל נאָך?
נו, איז שנעלער, צוגעאיילט זיך:
בלויז אַ טאָג צו זען דעם וואונדער —
און אַ טאָג איז קאַרג.

.2

מעכטיק אויפגעריסן
ליגט די ערד־לייב;
אין פארביקער גיגאַנטישקייט
די פעלזן אויפגעפּראַלט.
אַטעמלאָזע, ווילדע שיינקייט —
מייסטערשאַפט פון אור־געוואַלט.

ביזאַר־פאַרגליווערט — שלאָס־רואינעס —
אַ צעשויבערטער געמעל.
כאָטש קום אַהער מיט טויזנט אויגן
און זאַפּ איין אין זיך דעם וואונדער
פון דער מאַיעסטעט וואָס הויערט
און פאַרשנירט דיר אַזש די קעל.

ס'איז „גרענד־קעניאָן" דער שטאָלצער.
אין דעם הייסן מדבר־הארץ.
וויפיל הונדערט טויזנט יאָרן
האָבן דאָ מיט כוואַליע־שאַרפן
זיך געוואָרפן געגן פעלזן
און אין פאַרביקער אַנטבלויזקייט
זיי געלאָזן דאָ דערשטאַרט.

ביי די ראַנדן, אויף טעראַסן —
מענטשן — שטאַר, דערשיטערט, שטום.
און פון קאָלאָראַדאָ ריווער —
אַ ברוינע סטעזשקע אין דער טיפקייט —
טראָגט זיך ווי אַ ווייטע דראָאונג,
דומפּיק־שווער און איינגעהאַלטן
אַ פאַרבענקטער ברום.

.3

אווטאָס יאָגן, יאָגן, יאָגן —
אַרום וועגן וואָס ביים ראַנד,
אַלע שטאַטן, אַלע שטעט —
שטעלט מען אָפּ זיך און מען רעדט:
אָ, איז דאָס אַ לאַנד!

שטעלט זיך אָפּ אַ לימוזין —
אַזש די רייכקייט שרייט.
אויפן רעדל — ברוינע פויסט,
הינטער שפּאָרט־העמד — ברוסט אַנטבלויזט,
דאַמע ביי דער זייט.

שפרינגט דער מאַן געשיקט אַרויס,
שטרייפט די ווייטקייט מיט אַ קוק;
עפּנט שנעל די צווייטע טיר
און מיט העפלעכקייט צו איר:
„דאַרלינג, וואָנט יו לוק?‟

נאָר די דאַמע רירט זיך קוים
און זי שמייכלט, שמייכלט מיד —
ענטפערט לאַנגזאַם: „טענקיו, נאָו,
יו גאָו אָוועך, דאַרלינג, גאָו,
ענד טעל מי אַבאַוט איט, סוויט.‟

.4

ביים האָטעל. אויף אַ טעראַסע.
איבער קעניאָן אָוונט־טראַנס.
מענטשן קומען. בלייבן זיצן —
באַלד וועט פאָרקומען אַ טאַנץ.

„—ס'וועלן טאַנצן אינדיאַנער...‟
כ'זע די נייגיר אין איר אויג.
ס'עפנט זיך אַ זייטיק טירל:
דומפּיק קלאַפּט אַ טאַם־טאַם פּויק.

און אָט ווירבלט שוין אַ אינגל,
מיט אַ רויטן באַנד אויף שלייף,
און ער דרייט זיך בונט־באַמאָלן,
ווי אַ פאַרביק־שנעלע רייף.

און אַ צווייטער און אַ דריטער —
„טאַמאַהאָקס‟ און פעדער־פּראַכט.
ס'קלאַפּט דער טאַם־טאַם, טענצער קוויטשען —
גאַפט דער עולם און ער לאַכט...

ס'טאַנצן יונגע אינדיאַנער
פון דעם אַלטן האָפּי־שטאַם —

פאַלן קלינגענדיק מטבעות —
„אַטאַ באַים! קאַם אַן!"

און אַן אַלטער האָפּי־קריגער
מיט אַ ווילדער פּעדער־קרוין,
קרייצט די הענט אויף ברוסט און נויגט זיך,
דאַנקט אונדז פאַרן לוין.

.5

טיף אין דעמערדיקן קעניאָן —
פאַנטאַסטישע קאָנטור־געוועבן.
ערגעץ העפּט זיך פרייד און אומעט:
אַ געפיל פון — לעבן!

מאָרגן וועל איך זיין — ווער ווייס וואו —
כ'קוק מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט.
העט פון אונטן, מיט פאַרבענקטקייט,
ברומט אַרויף צו מיר דער ריווער.
שנעל פאַלט צו די נאַכט.

אין אַ ווינטער־פֿאַרנאַכט

אינדרויסן יאָגט אַ האַרבער ווינט.
ס׳איז ווינטערדיק און גראָ.
אין שטוב איז קאַלט.
די פֿענצטער זײַנען פֿראָסט־פֿאַרהויכט.
איך טראַכט:
וואָס טו איך דאָ . . .

ס׳איז ווײַט מײַן היים — די ריזן־שטאָט.
כ׳טראַכט — און ס׳איז מיר שווער.
איך בענק נאָך נאָענט־הייסן קרײַז,
נאָך רויש
פֿון ברײַטן סקווער.

די בענקשאַפֿט נאָגט — איך נעם אַ בוך —
די לידער זײַנען ווײַט.
איך לייען מיט אַ פֿרעמד געפֿיל —
אַ הייסן האַרץ־קלאַפּ כ׳זוך אין זיי,
זוך אין זיי — מײַן צײַט.

די שורות זײַנען מאָדנע־הויל —
די פֿערזן זײַנען גלאַט.
ווי די שויבן — גראָ־פֿאַרהויכט —
די ווערטער קוקן קאַלט אויף מיר,
קוקט קאַלט איעדעס בלאַט.

ליד נאָך ליד — און מיט אַ דראָזש
איך האָב דאָס בוך פֿאַרמאַכט.
אינדרויסן יאָגט דער האַרבער ווינט.
כ׳קוק אַרויס דורך טריבער שויב —
ס׳וועט זײַן אַ קאַלטע נאַכט.

טויזנט־לאַנדיק, טויזנט־שפּראַכיק

דער, וואָס קומט

כ׳האָב צופיל שוין טעג פאַרלאָרן,
שוין פאַרלאָרן צופיל יאָר,
מיט דעם פלוך פאַר מיין געבאָרן,
מיט דער קללה פאַר מיין דור.

כ׳זע זיך קלאָר, ווי אין אַ שפּיגל,
אַז איך קוק אויף מיינע פריינט —
אַ צעשטשערבעטע, לייִדיק קריגל,
מיט עקזאָטיק־בליאַסק באַשיינט.

שווער דעם אָנשטעל צו פאַרמיידן,
אין אַ סביבה וואָס איז לער —
צירט מען זיך מיט אייגן ליידן,
ניאַנטשעט מען די האַרצנס־טרער.

כ׳האָב געפּאַלמעסט זיך אין לידער,
כ׳האָב געכליפּעט אין מיין פערז;
כ׳האָב פאַרשנירט זיך אין אַ מידער
פון אַ לעבן אַ פּערווערז.

מאַטע לאָמפּן, וואַכע נעכט.
ענגקייט פון באָהעמען־קרייז...
ליידנשאַפטן; צאַרט געשלעכט —
הינטער פּאָזע: גליוועך. אייז...

נישט מען וואַגט אַליין זיך פרעגן.
נישט מען נעמט זיך אויף פאַרהער.
ס׳זיינען פלאַך די אין־זיך־וועגן;
נאָר ביים גאַנג דער אָנשטעל: שווער.

מיינע ליבעס — תאווה־מאַסקעס.
מיינע לידער — הוילער קלאַנג.

ליגן־ליריק — כ׳האָב געטראַכט עס —
און פאַרשליידערט דעם געדאַנק.

פון זאַראַטוסטראַן זיך געלערנט
און ביי שטירנערן שטודירט;
יונגע נעכט מיט גייסט צעשטערנט —
שפּעטער — גאוה. שטייף — ליווירט.

פון מיין פרייד וואָס איז געוואָרן,
פון מיין פרישן לעבנס־דראַנג —
אויסגעלאָשן מיט די יאָרן,
ווי פאַרנעפּלט זון־פאַרגאַנג.

האָב איך אָנגעטאָן אַ שמייכל —
ציניש־לייכט און קאַלט ווי שניי.
און מיין וועלט, מיט טיפן שכל,
האָט געזאָגט: נשמה־וויי...

אַ, מיין וועלט! — ווי איך באַנעם איצט —
אַלץ פאַראיידלט, אַלץ פאַרגלעט;
פון דעם רויסטן שטורעם־אמת
ווערט ביי איר אַ מינועט.

כ׳האָב דערפילט: ס׳אַ לאַנגזאַם שטאַרבן —
פילאָזאָפיש... ראַפינירט...
ס׳גלאָצט פון אַלץ אַ טויטן־שאַרבן —
און מיין שרעק האָט מיך שאָקירט.

בין איך זייטיק־שטיל געבליבן;
מענטש — אַליין — נישט קיין פילאָזאָף;
הילפלאָז, אומעט, פּיין־צעריבן,
און געטראַכט בלויז — מאַך אַ סוף...

:: :: ::

לאַנגע, איינזאַם־גראָע טעג,
איינגעהילט אין טרויער־טשאַד.

נאָר דאָס לעבן זוכט אַ וועג —
ס'פעלט דער מוט צו לעצטער טאַט...

כאַטש אַן אָנהאַלט ערגעץ, עפּעס...
כ'האָב געזוכט אַן אויסרייד בלויז:
האָסט אַ לעבן — טראָג עס, שלעפּ עס!
זוך אַן אינהאַלט פאַר זיך אויס.

איין געדאַנק האָט קראַפט געגעבן:
ס'מוז דאָך זיין אַן אָנהאַלט וואו...
וואַרף זיך אין געדיכטן לעבן —
אפשר ליגט אין שטראָם די רו.

כ'האָב געהאַט דאָך בלויז איין ווינקל —
ציניש ווייטער אַלץ פאַרלאַכט;
מיט אַ קלוגן אויגן־פינקל
פון דער וועלט אַ תל געמאַכט...

און דורך טויט־מחשבות קראַנקע
כ'האָב דערפילט אַ מאָדנע גלות —
אַזאַ דורשט נאָך העלע קלאַנגען.
אַזאַ לעבנס־דראַנג אין בלוט.

און אַ פרייד אַ פרילינג־ווילדע,
האָט אַ פלייץ געטאָן אין מיר;
ס'האָט צו מענטש געצויגן ווידער —
נאָר וואו קלאַפּט מען אָן אין טיר...

בין איך וואָך ארומגעגאַנגען,
אַלע חושים הארט ביי דר'ערד —
וויפיל לויטער־העלע קלאַנגען!
וויפיל אויפברויז כ'האָב דערהערט!

האָב איך צעפראַלט זיך — טיר און טויער —
לאַנגזאַם פריער, מיט אַ ליד —
כ'האָב צום טאָג געשטעלט דעם אויער
און דערפילט: עס לעבט! עס ציט...

דורך די טעג געהיט די סקווערן,
און פּאַרטיפט די נעכט אין בוך —
צי דען טאַקע — אַלץ צעשטערן...
אַ, ווי האַרב דער איבערברוך!

כ׳האָב די צייטן דורכגעשניטן,
כ׳האָב געפיבערט און געזוכט;
לאַנג געגאַנגען אינדערמיטן —
און מיין שוואַכמוט שטיל פאַרפלוכט.

נאָר דער לעבעדיקער אמת
אויף די סקווערן האָט געברויזט —
און, איך ווייס נישט, נאָר געשען איז:
כ׳האָב אַ הויב געטאָן מיין פויסט

איינמאָל, אין צעשוימטער מענגע,
ווען ס׳האָט מעכטיק זיך צעשאַלט
פיער דעגייטערם פלאַמיק־שטרענגע
ליד פון רויטן פאָנען־וואַלד.

כ׳האָב אינגאַנצן זיך צעבונדן
מיט דעם קלינגען פון מיין קעל;
יעדע האַלבקייט איז פאַרשוואונדן —
כ׳האָב געזונגען שטאָליק, העל.

און באַרוישט בין איך געבליבן
לאַנג נאָך שטיין דערנאָך אויף סקווער —
ס׳האָט מיין פויסט זיך דאָ פאַרשריבן —
כ׳האָב געוויינט מיין הייסטע טרער...

און פאַרברענט די ספקות אַלע
האָט מיין טרער אין יענעם טאָג;
מיינע אין־זיך־רעשטלעך וויאַלע,
אָפּגעשווענקט פון צווייפל־וואָג...

כ׳האָב דערהערט אַ קוואַליק שלאָגן,
טיף־אריינגעהאָרכט אין זיך —
אַזאַ וואונדער־ליכטיק טאָגן!
אַזאַ קלינגען — דאָס בין איך!

קאָנטאַקט

שמאָלע, טרעשטשענדיקע טרעפּ.
פינצטער־קאַלטע קאָרידאָרן.
דאָ קריגט דער אָרעמסטער דעם אויבן־אָן:
פאַר אים — דעם העכסטן גאָרן.

שווערן זײַנען אויסגעריבן,
טירן האַלב־צעפוילטע.
פונקט ווי עס סקריפּעט דאָ אין ווינקלען שטוביקע די קעלט,
סקריפּען דאָ די קליאַמקעס,
סקריפּען די זאַווייעסעם ראַסטיקע, קיינמאָל נישט געאוילטע.

מיט קרעכצנדיקע טרעפּ איך קריך צום העכסטן שטאָק.
אַ חברטע, אַ בלאָנדע, אַזאַ קליינע, גייט מיט מיר.
מײַן האַנט האַלט צוגעגרייט שוין אַ צונויפגעלייגטן „דיילי"—
טוט זי, די חברטע, אַ צאַרטן קלאַפּ
אין אַ שווארצער, נידעריקער טיר.
קודם שטיל.
דערנאָך — אַ בייז־צערייצטער ברום:
— „הו'ז דעיר?"
— „דיילי וואָירקער!"
און אַלץ בלייבט אויף אַ ווײַלע שטום.

אויף יענער זייט — אַ שווערער טראַט,
ווי מיט אַ שייט אויף אַ הילצערנעם קלין.
אַ פּנים אַ פינצטערס באַווייזט זיך אין טיר,
טוט אַ ריר מיט די ליפּן:
— „קאַם אין!"

מיר קומען אַריין —
האַלב־טונקל אין שטוב.
עס גליט אַ פאַרשטויבטע, עלעקטרישע באַר;

אויף אייזערנעם אויוון אַ צעפּאַרעטער טאָפּ.
אויף דער וואַנט אַ מאַדאָנאַ קוקט אומעטיק־שטאַר.

אינדערמיט פונעם טיש, אַזאַ גרויסן און רונדן,
צוויי בלאַסע קינדער, דערשראָקן און שטיל.
מיט גליכגילט מיט טעמפּן אַ פּרוי ביי אַ וויגל
און קינדער צעוואָרפן
אויף ברודיקן דיל.

די חברטע רעדט מיט אַן ערנסטן שמייכל
צו מענטש אָט־דעם שווערן,
דעם טאַטן פון הויז.
ער — ציט מיט די ברעמען, גראָע, געדיכטע,
און כ׳וויים נישט:
פאַרשטייט ער? צי הערט ער נאָר אויס?

זיין פּנים איז האַרט:
די אויגן בלויז שפּילן —
אומצוטרוי, גלויבן אין היפּלאָזן געמיש.
איך גיב אים אַ „דיילי״, ער וויקלט פאַנאַנדער,
טוט אַ ריר מיט די ליפּן:
— „נאָ קען ריד. נאָ קאַפּיש.״

שוויג איך און קוק מיט צער אויף דעם „דיילי״.
די חברטע שמייכלט —
און גלעט שוין מיט ליבשאַפט אַ קינדערשן קאָפּ.
אַן עקשנטע איז זי, די חברטע מיינע,
אַזאַ, וואָס פאַלט ביי זיך זעלטן אַראָפּ.

לאַשטשעט דאָס קינד זיך, און זי רעדט צום טאַטן:
ס׳האָבן דאָ שכנים געגרינדעט
פון שכנים אַ קלוב —
זי שרייבט אויף אַ צעטל אים אָן דעם אַדרעס —
מען רעדט אייער שפּראַך דאָרט, קומט אַריין אין אַן אָוונט,
ס׳איז גוט זיך אַרויסרייסן אַמאָל פון דער שטוב.

שמייכלט דער פינצטערער טאַטע שוין אויך
און ווייזט אויף צוויי שטולן מיט אַ באַשיידענעם זשעסט:
— „יו דרינק סאָם ווין, יעס? — פּליז
מאַי וואַיף שי מעיק — שי מעיק די בעסט...״

הויבט זיך די פרוי, וואָסביים ווינגל, אויף,
פאַרדיכט געשווינד אַ צעפּאַטלטן צאָפּ,
וואַשט אויס אַ פּאָר גלעזער,
שטעלט זיי אַוועק
און נעמט פונעם טיש די צוויי קינדער אַראָפּ.

ווערט ווארעמער באַלד און נעענטער ווערט מען.
פון גלעזער שלאָגט זוויער דער ריח פון ווין.
זיינען מיר געסט שוין
אין אָרעמער שטוב דאָ.
אַ צווייטן מאָל וועלן מיר
היימישע זיין.

פאַרעט דער טאָפּ אויף אייזערנעם אויוון.
קוקט די מאַדאָנאַ אַזוי אומעטיק־שטאַר.
מיר וועלן נאָך קומען,
מיר וועלן נאָך זיין דאָ...
די מאַדאָנאַ, זי וועט אונדז נישט דאַנקען דערפאַר.

מיר וועלן נאָך קומען,
מיר וועלן נאָך זיין דאָ...
אָבי נאָר די טיר פאַר דער נאָז נישט פאַרהאַקט!
ווייל לאָזט מען אונדז רעדן —
געפינען מיר ווערטער.
געפינען דעם מענטש מיר
דורך אונדזער קאָנטאַקט.

ביים איסט ריווער

אין פייכטן מערץ־ווינט גייט דער ווינטער אָפּ,
לעצטע קריעס שווימען לאַנגזאַמע מיט גראָען ריווער.
עס רווישט די לופט. די מעוועס פליען טיף
און ס'דאַכט זיך — אַלץ איז אויפגעלייזט
און דאַמפּט אַרויס פון זיך דעם לעצטן ווינטער־גליווער.

אַ באַרזשע כריפּעט, שלעפּט זיך טונקל־שווער.
פאָרויס איר קוימען, טרייבט דער ווינט איר אייגן רויך.
דער הימל קוועלט. די מעוועס קוויטשען בייז.
אַן עראָפּלאַן אין בלויען רוים
שוועבט מיט אָדלער־שטאָלץ, קרייזט גראַציעז
און רייסט מיט שאַרפן אויפשוואונג זיך צו הויך.

דער אַלטער ברעטער־פּיר איז פּוסט.
עס שמעקט מיט זאַלץ, מיט אויל און ברודיק וואַסער.
ביים שווערן סלופּ, אויף ראַנד פון פּיר,
זיצט אָנגעשפּאַרט אַ מענטש
און נייט — אַן איינגעהויקערטער, אַ בלאַסער.

לעבן אים — אַ זעקל אויפגעראָלט.
מען זעט — זיין גאַנץ פאַרמעגן ליגט דאָ אויפגעבונדן.
זיין אויבערגוף אַנטבלויזט, אַ ברודיק העמד אין שוים
און ס'שרייט זיין נאַקעטקייט אין פייכטן ווינט
מיט פיינלעכקייט פון נישט־פאַרהיילטע, אויפגעריסענע וואונדן.

ס'האָט די זון, די וואַרעמע, אים אַרויסגעבראַכט אַהער
צו איינזאַמקייט פון ברעטער־פּיר דעם אַלטן;
האָב איך זיין אויסבאַהאַלט אים דאָ צעשטערט —
איצט קוקט ער ביטער־בייז, פאַרשעמט אויף מיר
און פּרוווט זיין נאַקעטקייט אין אַ לעכערדיקן ראָק באַהאַלטן.

איך ווענד מיך אָפּ מיט בושה־האַסט,
פון שאַרפן בליק אין סאַמע טיפעניש געטראָפן.
דער הימל קוועלט. די מעוועס קוויטשען בייז.
אַ יאַכט־שיף, זון־באַגאָסן, בלענדט פאַרביי
און לאָזט דעם ריווער הינטער זיך — אוויליק, גלייכגילטיק, פאַרשלאָפן.

פרילינג אויפן סקווער

א טיף־בלאָער הימל איבער ראַשיק־העלן סקווער.
מענטשן גייען גרינג. קליידער פלאַטערן אין ווינט.
היפּטן וויגן זיך ; אין אויגן שפּילן יונגע פייערלעך,
און ס'דאַכט זיך : יעדעם פּנים שמייכלט,
און יעדער שמייכל איז אי אָפן —
אי סודותדיק אַזוי פאַרדינט.

ס'איז א פאַרבן־שטראָם אזא צעבוואַליעטער, א בונטער.
אימפּעטיקע ווירבל־קרייזן דרייען זיך און שווינדן וואו אוועק.
אין קליינעם פּאַרק די רונדע מענטשן־גרופּקעס —
ווי געדיכטע ווינט־צעוויגטע קוסטעס —
וואַרפן זיך מיט ווערטער איבער
און עס אָטעמען די רייד —
מיט אָרעמקייט,
מיט בלאָנדזשעניש,
מיט אויפרייס
און מיט שרעק.

אַרום פאַרק־מויער די שיך־פּוצער שטייען שוין מיט רעק צעקנעפּלט,
האָפערדיקע אין דערוואַרטונג אויף א גוטן טאָג...
אַן אַלטער איד מיט באָרד און פּיאות
קירעוועט זיין וועגעלע דערשראָקן צווישן אויטאָס און טראַמווייען —
עס ציט אים זיינע בייגל ברענגען — צום געדיכטסטן,
צום מענטשן אָנגעפּאַקעוועטסטן ראָג...

איבער קווער־לייסט פונעם וועגעלע געבויגן גייט ער
און די מוטנע אויגן ציטערן מיט אומרו איבער ביסל האָב־און־גוטס.
אויף די קרומע פּלייצעס ליגן דורות
פּחד, פּאַלעש און יאָרידן ;
נאָר מיט שטעטלדיקן יחוס פלאַטערט באָרד און פּיאות :
זעט, מיר קומען נאָך צונויף...

אויף ראָג אויף ראַשיקסטן, אויף מענטשן־אָנגעפּאַקטסטן,
שווימען טאָוולגע פּלאַקאַטן איבער כוואַליענדיקע קעפּ.
בלוי־רעק שטייען אָנגעלאָדענע מיט בייזקייט;
מיט דראַאונג אָנגעגליט איז אומרו אין דער לופטן —
ס'קאָן זיך דאָ צעהאָגלען מיט דובינקעס,
מיט פויסטן און מיט פּאָליציייסקע קלעפּ.

מאָדנע קולות שרייען איבער ס'העלע קלינגען פון טראַמווייען.
אויף טראָטוארן — יונגע בחורים און מיידלעך אין געוויג.
פון פּאַרק די מענטשן־גרופּקעס אויפגעלייזטע
טוען זיך אַ לאָז ווי נאָך סיגנאַלן —
און מיט פּלוצימדיקן צאָרן־ברום מיט הארטן
טוט זיך אַ צעבושעווע אויף פרילינגדיקן סקווער דער קריג.

ווילדע רייטער גאַלאָפּירן אין געדיכטעניש פון דעמאָנסטראַנטן,
בלוט־באַגאָסן פּאַלן מענטשן אונטער טראַמפּלענדיקע פערד.
עס הודיעט און קוויטשעט און זשומעט און בראַנדיקט
פאַרביסן דער אומגלייכער קאַמף אויפן סקווער.
און ווער ניט אַנטלאָפן — און ווער ניט געפאַנגען —
איז אין וויטיק צעקאַרטשעט געבליבן אויף דר'ערד.

און ווען שטיל אויף אַ וויל איז דאָס שלאַכט־פעלד געוואָרן,
איז מיט אַרבעטער־קעמפער דאָרט זייטיק געלעגן —
דער איד מיט דער באָרד, צעבלוטיקט, צעטראָטן
און מיט רויט־פאַרלאָפן דערשראָקענע אויגן
זיך הילפלאָז פאַרקלאַמערט
אין זיין צעקרישעט פאַרמעגן.

ביי יעזוסן צו גאַסט

כ׳בין היינט געווען ביי יעזוסן צו גאַסט.
האָט זיין „פּראָמאָוטער״, אַ פּריסטער מיט אַ פעטן ברוסט־קול,
מיך הארציק אויפגענומען:
. . . און דו, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג דיך ניט געזען,
מיין זינדיק לאַם, מיין שעפעלע —
ס׳איז העכסטע צייט,
וואָס ביסט צו מיר, וואָס ביסט אין הויז מיינעם געקומען.

געזאָגט האָט ער עס —
נישט צו מיר אַליין:
כ׳בין געקומען מיט אַ טשערעדע פון תשובה־גרייטע,
יום־טובדיק־פאַרפּוצטע לעמער...
צום געבורטסטאָג פון יעהאָוואס זון
האָבן מיר זיך זיאַוועט אין זיין ערדישן פּאַלאַץ —
אפשר וועט ער מוחל זיין די זינד...
ער וועט! — אַזוי פאַרזיכערט אונדז דער פּריסטער —
פּאַסטוך רופט ער זיך אַליין דאָ אָן באַשיידן —
בעת ער רעדט צו אונדז אַראָפּ
פון אַ פּרעכטיק, ליכט־צעפינקלטן באַלעמער.

מיר זיצן שטום,
די קעפּ אַנטבלויזטע,
ס׳איז היינט די נאַכט פון הייליקער געבורט —
האָט דער פרומער פּאַסטוך אָנגעטאָן די שכינה אויף זיין פּנים
און מיט אַפּאָסטאָלן־פּסוקים
די נשמה אָנגעגורט...

אָט דונערט ער מיט שטראָף־רייד פון אַ נביא —
אָט לאַשטשעט ער אונדז
מיט אַ זינג־זאָנג קול, אַן אויליקן, געשמאַקן —
ס׳גלאַנצן אַזש גאָטפאָרכטיק זיינע באַקן...

ער רעדט —
און יעזוסעס אומבאפלעקטע מוטער
שמייכלט מיט אן אומשולד־אויסדרוק פון אן אויל־געמעל ארונטער —
איר זון, ווייזט אוים, איז נישט געווען קיין געזונטער —
מיט בלוט אויף דלאָניעס און מיט בלאַסקייט פון מארטירער,
האָט אים עמעץ צונעגאָגלט אין אַ ווינקל צו אַ צלם,
הענגט ער דאָרטן אונטער אָרעאָלן־שיין
מיט גאָרנישט,
חוץ מיט הייליקן געקרייציקט זיין פארנומען...
און ס׳דאכט זיך מיר —
ער ליידט דערפון
און שעמט זיך גאָר
צו הענגען דאָרטן אויף אַ טשוואָק,
מיט אן אויסדרוק פון אַ היפּאָקריט אַ פרומען...

שפּעטער האָבן ווייבע טענער זיך צעפּאָכעט איבער יעזוסעס ערדישן פּאַלאַץ,
כוואַליענדיק און שטייגנדיק ביז פייערלעכן קלאַנגען־טשאַד —
לעבן מיר האָט זיך אן אַלטיטשקע געצלמט;
איך האָב שטיל אין זיך אריינגעגענעצט —
מיין נשמה איז געוואָרן זאַט...
האָב איך דער אומשולד־יונגפרוי אויפן אויל־געמעל
צוגעוואָרפן נאָך אן אָפּשייד־בליק פון שוועל —
און בין ארויס,
דאָס היטל אויפן קאָפּ אַ ביסל שיף;
שטראָפנדיק האָט מיך פארפאָלגט
דער פליגל־רויש פון הייליקן מאָטיוו.

כ׳האָב איינגעאָטעמט טיף די לופט.
אין אַ פענצטער פון אן אָרעם הויז
האָט אַ קריסמעס־ביימל מיט עלעקטרישע אייגלעך אומעטיק געוואונקען.
די נאַכט איז קלאָר געווען,
אין שטערן פּראַכט צעשפּרענקלטער געטונקען;
איבער גאַסן טיף־פארשלאָפענע בין איך געגאַנגען אָן אַ ציל,
געטראַכט האָב איך —
פון לענינען:
פון מענטשן־ליבע...
פון יעזוסן געטראַכט — מיט רחמנות
מיט טיפן, פּאָעטישן געפיל...

מילך אין ים

א ווינטל בלאָזט, א קילס, א פרישס,
קרייזלט צאַרט דעם פּלאַך פון ים;
און זונגאָלד שפּריצט אין כוואַליע־שפּיל
און וואָלקן־שאָף און הימל־בלאָ
שפּילן זיך אין וואסער־גראָ.
און בלויז די שיף, מיט שוים אויף בוג,
שניידט דאָס וואסער בייז און גיך
און שלעפּט א רויך־פאָן שווארץ און לאנג —
א פּאַס פון טרויער־קרעפּ נאָך זיך.
קאַנען פול מיט מילך אויף דעק,
אויסגעשטעלטע שיכט אויף שיכט;
וואו פירט מען זיי — וואו נעמט מען זיי
איינס אויף איינס
געדיכט־געדיכט. . . .

א מאַטראָס קוקט שטום און בייז;
ס׳שטייפט זיך אָדער אויף זיין האלדז:
וואו נעמט מען זיי — וואו פירט מען זיי?
ער פרעגט שוין נישט —
ער ווייס.

ער רייסט אַליין די דעקלעך אויף
און לאָזט זיי פאַלן מיט א זעץ.
ער הויבט די קאַנען איבער פרענטש —
דעם ים באַשלאָגן ווייסע קרעץ. . . .

זיין קינבאַק צוקט
און שטום ער שילט —
וויפיל יונגוואַרג שרייט נאָך מילך!
וויפיל הונגער אומגעשטילט!

בײ זיך אין שטוב — װי לאַנג צוריק —
די קינדער שטײען אַרום טיש.
אַלע קוקן אױף אײן גלאָז —
די מאַמע זאָגט: די מילך איז פריש...
זי גיט דעם עלטסטן: נאַ, און טרינק;
נאָר נישט צופיל, זײ װילן אױך.
זי שטעלט די מילך פאַר אים אַװעק
און קילט זי מיט איר אָטעם־הױך.

דער עלטסטער טרינקט,
די מוטער היט:
— נו, שױן גענוג!
— נײן, נאָך אַ לעק:
נאָך אײן־אײנציק קלײנעם זופּ...
בײם אײנגסטן ציטערט שױן די ליפּ.
די מאַמע נעמט דאָס גלאָז אַװעק
מיט שנעלן ריר פון שאַרסטקע הענט.
ער האָט די פּוסטן דאַן פאַרבײַלט
און שטום פון טיש זיך אָפּגעװענדט...

איצט רײַסט ער דאָ די דעקלעך אױף
און לאָזט זײ פאַלן מיט אַ זעץ —
זײן בליק איז האַרט, די קינבאַק צוקט...
דעם ים באַשלאָגן װײסע קרעץ...

בירא-בידזשאַן

נישט קיין בידנער געטאָ-לעבן,
נישט קיין קרעמערישער דור
וואַקסט דאָרט אויף די בירער פעלדער,
גייט דאָרט אויף ביים טייך אמור.

מענטשן נייע! מענטשן פרייע!
ליגט אין גסיסה דער אַמאָל —
אייגן ברויט איז אַ מחיה —
מערט זיך, וואַקסט דאָרט זייער צאָל.

נישט מיט ציצית, נישט מיט תפילין,
נישט מיט סידור אין דער האַנט;
נאָר מיט היים-געשטאַלטן ווילן
בויען זיי דאָרט אויף דאָס לאַנד.

העק און זעגן פריש-צעקלונגען —
און די טאַיגע ווערט זיך, ווערט —
האָבן טראַקטאָרס זיך צעזונגען
און באַזיגט די שטאַרקע ערד.

נישט קיין נס פון „ליבן נאָמען".
נישט מיט הילף פון „גוטן איד".
ס'האָט אַקטאָבערדיקער זאָמען
יונג זיך דאָרט אַזוי צעבליט.

אייגן יעדעס שטיקל מזל —
יעדע הרודע. יעדעס פערד.
קיינעם, קיינעם נישט באַגזלט...
נישט פאַרטריבן פון זיין ערד...

ס'האָט סאָוועטן־מאַכט געגעבן —
נישט אויס גענאָד, נאָר מיט אַ טאָלק —
שעפעריש זאָל זיין דאָס לעבן !
גלייך זאָל זיין איעדעס פאָלק !

גלייכט זיך אויס בית־מדרש־פּלייצע.
שטאָלט זיך שוואַכע קרעמער־האַנט.
און מיט שלאָגלער־טעמפּן הייסע
בויען אידן אויף דאָס לאַנד !

נאָך פאַרעקשנט איז די טאַיגע
און ס'איז שווער נאָך יעדער שפּאַן ;
נאָר די טעמפּן וואַקסן, שטייגן !
און מיט זיי ביראָ־בידזשאַן !

אַ באַגעגעניש

כ׳האָב אין גאַס אים באַגעגנט, מיין אַמאָליקן פריינט.
אַ ווינטער־נאָכמיטאָג. די זון האָט געשיינט.
אַ לאַנדסמאַן פון שטעטל, אַ יוגנט־קומפּאַן.
איצט איז ער אַ ברייטער, אַ פעטלעכער מאַן.

שוין לאַנג נישט געזען! וואָס מאַכט מען? ווי עס גייט?
און ס׳גלאַנצט אַזש ביים לאַנדסמאַן דאָס פּנים פון פרייד.
צי הער איך פון יענעם? צי הער איך פון דעם?...
און ס׳טוט מיך מיין לאַנדסמאַן ביים אָרעם אַ נעם:

איז זאָג־זשע — ווי לאַנג שוין? אַ יאָר אַכט? אַ יאָר צען?
אַי, ס׳איז נישט דאָס, נישט דאָס, וואָס געווען!
ס׳הייסט — ביי אים איז נישט שלעכט, פאַרקערט — עס איז גוט.
עס גיט זיך אים איין מיט אַלץ וואָס ער טוט:

איז אַ שאַפּ, איז אַ סטאָר, איז אַ הויז, איז אַ לאָט.
אמת, דער דאָלאַר קומט נישט אָן אַזוי גלאַט.
נאָר איינס, קען ער זאָגן, איז אַ זיכערע זאַך:
זיין פאַרמעגן האָט ער מיט די־אַ צען פינגער געמאַכט!

און דאָך: — פאַרוואָס פאַרבאַהאַלטן? כ׳בין דאָך אַ פריינט —
אַמאָל איז אַנדערש געווען ווי ס׳איז היינט!
צי געדענק איך די יאָרן, די יונגע, אין ווין?
און טאַקע דאָ, אין ניו יאָרק — אי אָרעם, אי גרין...

ער האָט דאַן זיך געמוטשעט, געוואָרן פאַרשוואַרצט — —
נאָר פאַרט — ס׳האָט עפּעס געטיאַכקעט אין האַרץ!
ס׳איז דעמאָלט געווען כאָטש אַ שטיקל אידיי!
צי קאָן איך באַגרייפן? — „געוויס, איך פאַרשטיי."

און איצט, זאָגט מיין לאַנדסמאַן, איז ליידיק, איז פּוסט...
נישטאָ שוין, נישטאָ פון אַמאָל דער געגנוס...
אַז אַלץ איז — הור־האַ! אַלץ איז כאַפּ־לאַפּ...
עט, ס׳וואָלט בעסער געווען שוין פאַרבלייבן אין שאַפּ.

און אַזוי, מיט אַ זיפץ, מיט אַ שמאָר דורך דער נאָז:
איז האָט ער שוין געלט איצט; איז וואָס־זשע? איז וואָס!

גיי נעם און צעלאָז זיך. גיי נעם און גענים —
אז ס'האַלטן די ביזנעס געפּענטעט די פּיס...

נאָר ס'בענקט זיך נאָך, זאָגט ער, עס טוט נאָך אַ צי —
זיך אַ הויב טאָן אַמאָל, זיך טאָן אַ צעפּלי...
טאַקע אַזוי — פאַר דער מענטשהייט! נישט גלאַט פאַר זיך —
ווי דו, זאָגט מיין לאַנדסמאַן. „טאַקע? ווי איך?!"

יאָ. נאָר ס'פאַרדריסט אים, ס'פאַרדריסט אים אויף מיר:
וואָס הייסט כ'האָב געביטן אַזוי מיין קאָליר!
מיר האָבן געגאַרט דאָך צוזאַמען אַמאָל —
געהאָפט אויף באַפרייאונג, אויף ארץ ישראל!

אַי, ווי עס בייט זיך דער מענטש מיט דער צייט!
כ'בין, זאָגט ער, אַוועק. אַוועק אַזוי ווייט...
ער ווייסט: כ'בין אַ קעמפער, אַ דיכטער פון פאָלק —
איז גוט, ער איז שטאָלץ. נאָר פאַרט — מיט אַ טאָלק!

מילא, ער — פאַרפאַלן! אַ פאַרהייראַטער מאַן;
אַ ביזנעס; אַ ווייב און קינדער פאַראַן —
נאָר איך! אַ מענטש מיט טאַלענט! אַ מענטש מיט אַ קאָפּ!
איך זאָל אַזוי פון די רעלסן אַראָפּ!

און מיין לאַנדסמאַן ווערט רויט אַזש, ווערט הייס אין געזיכט:
כ'האָב פאַרראַטן אַלס איד! כ'האָב פאַרגעסן מיין פליכט!
ניין, ס'איז נישט רעכט. ר'האָט אַנדערש געהאָפט.
אַ שאָד, אַ שאָד וואָס ער זעט מיך נישט אָפט...

איך זאָג אים: אַ שאָד, נו, ווי דען...
איז, הייסט עס, ווי לאַנג שוין — אַ יאָר אכט, אַ יאָר צען?
איז לאָמיר אַ שמועס טאָן, ווי זאָגט ער, פון טאָלק:
פון מיר און פון אים — און טאַקע פון פאָלק — —

נאָר ס'האָט שוין מיין לאַנדסמאַן פאַר מיר נישט קיין צייט:
ער איילט זיך; געשעפט . . . ער וואוינט אַזוי ווייט...
ס'האָט אים באמת געפרייט; מ'עט נאָך רעדן, געוויס!
נאָר דערווייל זאָל איך טראַכטן . . . כ'זאָל פאַרלאַטען דעם ריס...

ער זאָגט עס מיט ערנסט — ס'איז זיינער אַ חוב!
נו, איז גוד־באַי! — און מיין לאַנדסמאַן אַנטלויפט.
אַ ווינטער־נאָכמיטאָג. די זון האָט געשיינט —
און פּונקט ווי באַגעגנט, איז פאַרשוואונדן מיין פריינט.

קיך-טיש, מיין וואַרשטאַט

דער זייגער קלאַפּט — טיק־טיק . . . טיק־טיק . . .
די נאַכט איז שוין מיט שעהען זאַט.
איך זיץ מיט אָנגעשטרענגטן בליק
ביים שמאָלן קיך־טיש — מיין וואַרשטאַט.

ס׳הויכט אַ קילקייט פון די ווענט.
די שויבן קלירן ליכט אין ווינט.
די מידע אויגן — ליכט־געבלענדט.
פון צאַרטן פּענשפּיץ פליסט די טינט

אויף ווייסער לערקייט פון פּאַפּיר,
וואָס זוינט אויף גיריק יעדן טראָפּ
און, דאַכט זיך, מאָנט און מאָנט פון מיר —
ווען ס׳שטעלט מיין האַנט זיך פּלוצים אָפּ...

ווען ס׳בלייבט, ווי מיט אַ האַלמע־סקריפּ,
מיין ליד פאַרהאַקט אינמיטן גאַנג
און איך — מיט ציין אויף אונטערליפּ,
ווי שפּאָרן־שפּיצן אין געדאַנק —

וויל שפּאַנען שטייף די דינע שטריק
פון וואָרט — מיין טיפן האַרץ־געקריץ —
ווען כ׳פיל די שווערע מידקייט זיגט
פאַר בליאַסק אויף טאָג דורך פאַרהאַנג־שליץ...

דערנאָך, ווען כ׳האָב שוין צוגעמאַכט
מיין פּען מיט שטיל־פאַרפרעסטן פלוך —
דאַן נעמט מיך קיל אַרום די נאַכט
און ס׳שוויגן ריזלט ווי אַ סקרוך...

שטיי איך לאַנג בײַם פענצטער נאָך
און קוק אַרויס אויף פּוסטער גאַס.
דאָס האַרץ — אין ווילדן ראַספּאָלאָך.
די מידע אויגן־ווינקלען נאַס.

דאַן שעלט איך יענע האַרבע טעג
וואָס שטייען אינעם ברויט־געפעכט,
וואָס קומען אום אין דעם געיעג —
און לאָזן מיר די מידע נעכט...

דער זייגער קלאַפּט — טיק־טיק, טיק־טיק —
די נאַכט איז שוין מיט שעהען זאַט.
געפּלאַצט! — די אָנגעשטײַפטע שטריק —
ביז מאָרגן, קיך־טיש, מײַן וואַרשטאַט.

אויף יענער זייט פענצטער

כליופּ און כליופּ — עס קלאַפּן שויבן.
ווינט און רעגן סקריפּען.
דורך מיין פענצטער — כ'זע א צימער:
נאַקעט־ענגע, גראָע ווענט;
ס'דוכט מיר — כ'הער זיי כליפּען...

אין האַלב־טונקל זיצט א שאָטן:
גליווערט, ווי דערפראָרן.
אשיק־גראָ דער קאָפּ, דאָס פּנים —
ס'דאַכט זיך, אז ער גליווערט דאָרטן
שוין אזוי פון יאָרן.

עפּעס טראַכט ער, עפּעס וואַרט ער,
עפּעס וויל ער הערן...
נאָר עס דרינגדזשען בלויז די שויבן
און די שווערע רעגן־טראָפּנס
גליטשן זיך, ווי טרערן.

דורך מיין פענצטער — כ'זע דעם שאָטן,
כ'זע אים שוין מעת־לעתן —
יעדע נאַכט אזוי־אָ שטאַרט ער,
אין א ווינקל פון זיין צימער,
איינזאַם און פאַרגעסן.

— — — — — — — — — — — —

סאַראַ ווייטקייט אינעם טונקל
פון א שמאָלינקער אַלייע...
אויף דער שטאַרער מאַסקע קוק איך,
אויף דער נאַסער נאַכט אינדרויסן —
און אַן אומעט ווייעט.

אינעם רעגן יאָמערט עפּעס,
בענקענדיק, דערשלאָגן.
כ׳זוך דאָס אויג, דאָס ווייט־דערשטאַרטע,
זוך אַן אויסדרוק אויפן פּנים,
וואָס זאָל עפּעס זאָגן...

מיר דוכט — איך הער די פּוסטקייט דאָרטן,
ווי זי וואַרט און לויערט —
סאַראַ ליד עס זינגט דאָס צימער
דורכן פענצטער מיר אַריבער —
סאַראַ ליד פון טרויער!

כ׳הער די הוילקייט פונעם דיל דאָרט,
די נאַקעטקייט פון אויוון...
כ׳הער דאָס שווייגן פונעם מענטשן —
כ׳הער דעם ווינט, דעם קאַלטן עקשן,
טראַסקען אין די שויבן.

— — — — — — — — — — — —

שפּעט ביינאַכט — ווי דורך אַ חלום —
ס׳קלינגט עפּעס אַ ריטשען;
אַ געזשום פון ווייטע קולות,
אַ סירענע קוויטשעט.

כ׳גראָב דעם קאָפּ אַריין אין קישן —
ווי גוט עס איז צו שלאָפן —
אַ געדאַנק, ווי דורך אַ חלום —
עפּעס האָט געטראָפן...

— — — — — — — — — — — —

כ׳שטיי אינדרויסן. ס׳איז נאָכמיטאָג.
כ׳הער — עס רעדן שכנים:
„דאָרט אין הויז האָט עס געטראָפן...״
„ניין, ער האָט נישט קיינעם...״

כ'קוק צום אַלטן הויז אַריבער,
צו דעם הויז פון טרויער...
„יאָ, געגומען זיך דאָס לעבן..."
ס'טוט אַ לויש אין אויער.

— — — — — — — — — — — —

כ'האָב געמישט דאָן צייטונג־בלעטער —
כאָטש זיין נאָמען וויסן.
נישט פאַרצייכנט? נישט געפונען —
כ'האָב די ציין פאַרביסן.

יענעם אוונט האָט דער דאַמף־רעדר
שטיל אין שטוב געזאָטן.
און איך — מיט בליק אויף שוואַרצן פענצטער,
האָב געזוכט דעם שאָטן.

אַ הונט איז אַלצאיינס וואָס ער טוט . . .

אַ פֿאַרנע נאַכט. רעגן אויף שויבן.
וואָס היילט ער, דער הונט, דאָרט אין הויף...
זיין אימהדיק וואָיען דרינגט הויל און פאַריתומט
צום פענצטער צו מיינעם אַרויף.

אַ הונט איז אַ הונט — און קען ער ניט שלאָפֿן,
ווייל ס'יאָמערט דער וואָלף אין זיין בלוט —
היילט ער זיין אומעט אַרויף צו די כמאַרעס;
אַ הונט — איז אַלצאיינס וואָס ער טוט...

פונקט ווי זיין האָר איז דער הונט שוין אַן אַלטער —
זיין האָר איז דער „דזשעניטאָר" מעק —
וואוינט ער אין קעלער און נאָך אַ טאָג איבער שטיגן
שלאָפֿט ער דאָרט אונטן און כראָפּעט, ווי אַ שטומפּיק־צעשטשערבעטע זעג.

דעם הונט קען איך בלויז פֿון דער ווייטן —
ברודיק, פֿאַרשוואַרצט, ווי פֿון שאַכט.
מיט מעקן קומט אוים אַמאָל רעדן,
באַטש מעק איז אַ שווייגער — פֿאַרטראַכט.

ער קלאָגט זיך: ס'איז שווער אים אויף שטיגן צו קריכן;
ווייזט אוים — ס'איז צו אַלט שוין דאָס האַרץ.
ער בענקט נאָך זיין היימישן דערפֿל,
נאָך דער ערד, וואָס איז פֿעט דאָרט און שוואַרץ.

ער זאָגט: פֿון זיין יוגנט איז גאָרנישט געבליבן —
גראָ און צעקנייטשט ווי אַ זאַק...
אַמבעסטן — אַמבעסטן, זאָגט ער, איז שלאָפֿן —
און שלאָפֿן שלאָפֿט ער געשמאַק.

נאַר זיין הונט איז אַן אומרו, אַ כלב —
זיין בענקשאַפט איז רוי, ווי אַ וואונד.
טראַכט איך — און ס׳קומען פאַרגלייכן...
און נישט יעדער פאַרגלייך איז געזונט...

ס׳איז מעק מיר אַ קרוב אַן אַלטער —
אַ מענטש! — דאָס טראַכט איך אַזוי.
זיין הונט קען איך בלויז פון דער ווייטן —
נאָר ס׳ציטערט מיר נאָך זיין געוואָי...

איך הער אים די פעל זיינע טרייסלען,
כ׳הער דעם דרינגדזש פון זיין קייט —
ס׳דאַכט מיר: ער זעט מיך ביים פענצטער,
ער רייסט זיך צו מיר — ער פאַרשטייט...

ס׳דאַכט מיר: דאָס וואָיעט ער דאָרטן
פאַר מיר, פאַר מעקן זיין האַר —
און ס׳פאַרדריסט אים, וואָס מעק האָט אין קעלערס
פאַרשלאָפן זיין בענקשאַפט, זיין צער...

דאָס וויל ער דערמאָנען אים איצטער,
דעם אַלטן, דעם „דזשעניטאָר״ מעק —
מען דאַרף פון דער קייט נאָך אַ ריס טאָן
די לעצטע, די פאַרבליבענע טעג.

און מיך דווקא וויל ער — אַן עדות! —
בלייבן מיט אים זאָל איך וואַך —
מיט זיין בענקשאַפט, דער וואונדיקער, רויער —
זאָל איך אויבעט צעהיילן די נאַכט...

מיסעס גינסבורג און איר גאַסט

מיסעס גינסבורג זיצט ביים פענצטער אויף אַ וויכן שטול,
צופוסנס אַ וואַזאָנע־טאָפּ מיט לאַנגע, שפּיז־פּאַרשפּיצטע בלעטער.
זי וויל אַ גענעץ טאָן און וואַרפט אַ בליק צום גאַסט —
טראָגט צו אַ האַנט צום מויל: זי ליגט עס אָפּ אויף שפּעטער.

דער גאַסט: אַ דאַמע, אַ שוואַר־פּאַרזונקענע אין סאָפע־פּלוש אין ברוינעם,
שפּאַרט אונטער מיט באַרינגטן פינגער מ׳גלאַנצענדיקן גוידער
און רעדט — די אויגן ווייט און פּחדיק צעעפנט: —
„אין רוסלאַנד, מיסעס גינסבורג? נו, מילד געזאָגט: אַ שוידער!"

„כ׳בין אויסגעפאָרן, הם — פון תל־אָביב ביז קיין פּוילן.
אפילו אין היטלערס דייטשלאַנד אויך געווען אַ צוויי־דריי וואָכן.
שרעקלעך ווי עס ליידן דאָרט די אידן — נאָר אין רוסלאַנד, מיסעס גינסבורג,
גלויבט מיר: ס׳האַרץ מיינס איז מיר נאָך ביז היינט צעבראָכן!"

מיסעס גינסבורג שאָקלט מיטן קאָפּ, ס׳וויגן זיך די שטרוי־געפאַרבטע
„פּערמאַנענטע כוואַליעס",
ציט צונויף די אויסגעצופּטע ברעמען און ענטפערט מיט אַ חידושדיקן ברוגז:
„אָפּקאָ־אָז! און איצטער גייען מיר זיי אָנערקענען! נו —
אי — ווער וויים? צוליב דעם קריזיס — אפשר טויג עס."

„אַך, יעס, דער קריזיס" — זיפצט דער גאַסט —
„כ׳האָב נעכטן שוין אַנטזאָגט מיין נעגערטע, מיין מיידל:
מען קריגט היינט שוואַרצע האַלב־אומזיסט, יו נאָו...
שניידן אירע ווײַדזשעס — נישט געקאָנט, אַזאַ נאַטור ביי מיר,
אַ ביסעלע צו איידל."

אין רייך־מעבלירטן צימער זינגט די דאַמף־באַהייצונג.
מיסעס גינסבורג שווייגט. בלויז איר שמייכל ענטפערט זיס־מעליאַווע.

אין ראָם פון מיר באַווייזט זיך שטיל אַ שלאַנקע דינסט;
אויף ברוינע הענט אַ זילבער־טאַץ, געבעקס און פאַרענדיקע קאַווע.

מיסעס גינסבווירג טוט אַ זופּ און שמייכלט אַ פאַרקרימטן, קראַנקן שמייכל:
„דינסטן — עס, כ'ווייס נישט וועלכער אומגליק עס איז גרעסער:
אָן אַ דינסט איז, אמת, זייער שלעכט,
נאָר צוזען ווי דאָס רירט זיך, גלויבט מיר — אויך נישט בעסער."

דער גאַסט אין סאַפּע־פּליוש, אין קישעלעך פאַרזונקען,
שטרעקט פויל אַ האַנט צום קליינעם טיש, וואָס שטייט דערנעבן,
נעמט פון טאַץ אַ שטיקל דזשינדזשער־טאָרט און זאָגט:
„יעס, יעס, מיסעס גינסבווירג, אַזוי איז דאָס לעבן."

מיסעס גינסבווירג אָטעמט טיף, ווי מיט האַרציקן באַדויערן;
טוט אַ גלעט מיט פּוכקער פינגער־ליבשאַפט די וואַזאָנע־בלעטער.
זי וויל אַ געגעץ טאָן און וואַרפט אַ בליק צום גאַסט —
טראָגט צו די האַנט צום מויל: זי לייגט עס אָפּ אויף שפּעטער.

צו אַ דיכטער

נישט יעדער פון אונדז איז גרויס נאָך גענוג,
נישט אינערלעך ריין נאָך פון ראָסט —
מיר זיינען צו אָפט נאָך אינזיכיש־פאַרווייכט
און ביז מען דערהויבט זיך און ביז מען דערגרייכט —
וויפיל מי, וויפיל האַרצבלוט עס קאָסט.

כ׳בין נישט פון יענע, וואָס נאַרן זיך אָפּ —
כ׳בין ווייט אַליין נאָך נישט גאַנץ:
כ׳לאָז זיך נאָך טרייבן פון כוואַליקן שפּיל,
דעם געדאַנק וועגט איצט נאָך אַריבער ס׳געפיל —
דער איך איז נאָך מייסטער פון טאַנץ. . . .

נאָר אין אונטערבאַוואוסטזיין פאַראַן איז און היט —
אַ קאָמפּאַס, אַ דאַמבע, אַ שליוז;
און פיל איך, אַז כ׳רייס שוין די אייגענע ברעגן,
וואַרפט זיך די דאַמבע צום אומרו אַנטקעגן,
שטעלט אָפּ דער קאָמפּאַס דעם פּוס.

און דו, דו, מיין חבר, לאָזט זיך און גייסט
צום אָפּגרונט מיט שיכור־צעשלאָבערטן גאַנג.
הוידעסט זיך הילפלאָז ביים פינצטערן ראַנד,
מאַכסט בלויז אַ זשעסט, לאָזסט פאַלן די האַנט —
און שטויסט אָפּ דעם רעטונגס־געדאַנק.

נישט גרינג איז, נישט גרינג — איך וויים עס צו גוט —
און כ׳מוסר דיך, חבר, נישט — ניין.
נאָר זאָג מיר, צום טייוול, וועלכע שטריק
צערייסט נישט די קראַפט פונעם וואָרט: באָלשעוויק,
צערייסט נישט, אויב נויטיק, מיט נעגל און ציין!

פאַרגיב מיר די רייד — איך זאָג זיי צו דיר
און כ׳ווענד זיי צו מיר אויך אַליין:
מיר מוזן זיך לערנען — געפיל און געדאַנק
באַהערשן, ווי אַלץ, וואָס שטערט אונדזער גאַנג,
ווייל, חבר, מיר מוזן דערגיין.

כ׳שטיי פאַר דיר

כ׳שטיי פאַר דיר, דעם קאָפּ געבויגן,
מיט אַ פיינלעך־שווערן, מיט אַ שולדיקן געמיט.
דער האַלדז — ווי מיט אַ שטריק פאַרצויגן;
עפּעס בריען אַזוי פריסיקזהיים די אויגן...
און איך ווייס נישט — זאָל איך רעדן,
צי אַ שווייגנדיקער ווענדן מיינע טריט...

זייט ביי זייט אַזויפיל יאָרן דורכגעמאָסטן.
געוועזן טעג פון ווילדער, פרילינגדיקער פרייד.
ס׳ליגן נאָך אויף אונדזער לעבן נישט קיין ראָסטן,
נאָר וואָס עס קאָן אַן אָפּשייד־רגע קאָסטן —
דאָס פילן מיר, דאָס ווייסן מיר...
דאָס קען מען נישט דערזאָגן מיט קיין רייד.

מענטשן זאָגן, אַז איך פלאַטער דורכן לעבן —
אַ פאַרביקער, אַ ווינטיקער; איך רו נישט — נאָר איך יאָג.
אמת איז: איך ציל נישט גלייך — איך טרעף נאָך אָפּט דערנעבן —
כ׳ווייס אָבער: כ׳קען, כ׳וועל נאָך עפּעס געבן;
כאָטש שווער איז מיר מיט ווירעם מעסטן,
כאָטש ערגעצוואו דערדינט מיר נישט מיין וואָג.

איך פלאַטער, יאָ, נאָר נישט מיט גרינגע פליגל.
מיין אומרו איז זיגזאַגיש, שטעכנדיק און האַרב.
מיין טיר איז אַ סאָלידע. לויז איז נאָר דער ריגל...
און מיין גרונטשטיין — נישט געלייגט פון ציגל...
דערפאַר בין איך אין לעבן דיינעם
דער איינציק קרומער שטריך, די איינציק טיפע נאַרב.

וויפיל מאָל האָב איך געמיינט שוין — כ׳בין פון זיך אַנטלאָפן.
נישט געמיינט אַפילו אפשר — בלויז געוואָלט...

און וואו איך בין אוועק — האָב איך זיך דאָרט געטראָפן;
איז דאָס לעבן מיינס פאַר מיר און פאַר דער וועלט געבליבן אָפן —
און פאַרן ווירבל, פאַר דער ווינטיקייט פון מיינע יאָרן —
כ'האָב ביז איצטער שוין אַ סך, אַ סך פאַר זיי באַצאָלט.

ווייל שווער און שלעכט און ביטער איז מיר ווּיסן:
כ'בין דאָס וואונדפלייש פון אַ נאָענטן, אַזאַ נאָענטן הארץ!
ס'שניידט זיך איין ווי מעסערס אין געוויסן;
מען ווערט דערפון אַליין אַזוי צעריסן —
און בלאָנדזשעט אום אַ הילפלאָזער אין לאַבירינטן
פון מחשבות שאָטנדיקע, פון אַ נס — פון עפּעס אומדערוואַרטס.

שטיי איך פאַר דיר איצט, דעם קאָפּ געבויגן,
און ס'פּרעסט אַ שולד־געפיל — עפּעס מאָנט אַזוי און עפּעס נאָגט.
איך ווייס — דו קוקסט אויף מיר נישט מיט קיין שונאס אויגן —
באָטש ס'דאַכט זיך מיר: כ'זע די ברעמען דיינע קאַלט־פאַרצויגן...
פיל איך אָבער: מיר וועלן זיך נאָך חבריש באַגעגענען
און מיט שטילע ווערטער זיך דערזאָגן, וואָס מיר האָבן זיך ביז איצטער נישט דערזאָגט.

אָפּשייד

ס׳איז דער לעצטער אָוונט היינט:
פֿאָרסט.
עס טוט מיר באנג.
איך ווייס — עס רופֿט דיך די פּאַרטיי.
דו גייסט —
און גייסט אויף לאנג.

עפּעס נאָגט אזא געפֿיל —
א שווערס, איך גיב עס צו —
פֿארשטיי: איך קלאָג זיך נישט.
איך ווייס — דו מוזט.
און איך — מוז פּונקט ווי דו.

ס׳איז קליינלעך? יאָ. דאָס שטיקל איך
עס לאָזט נישט אָפּ: עס איז אַן איינגעשפּאַרטס.
דער באָלשעוויק אין מיר איז פֿעסט —
נאָר ס׳טוט אמאָל דער אינדיווויד,
דער איך,
א שפּאַר צום האַרץ.

און איצטער אויך. עס קלעמט אזוי —
מ׳איז יונג, און —
ניין. איך שרעק זיך נישט. פֿראָסט —
עס איז מיר שווער.
נו, פֿאָר געזונט, ארבעט גוט
און — פֿארוויש די טרער.

עס טרעפט אַמאָל

א שלאָפלאָז־לאַנגע, שווערע נאַכט:
קריצנדיקע ציין —
כ'האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געוואוסט
וואָס מיינט —
איך בין אַליין.

איך הער דעם פרילינג דורך א שויב —
א שטיל פאַרבענקטער ווינט.
וויפיל, וויפיל פרילינגס שוין...
די צייט — פאַרבלוטיקט —
רינט...

כ'קאָן די פרייד און כ'קאָן זי גוט:
כ'האָב זי ליב, די פרייד —
כ'בין נישט פון די, וואָס ווייגען שטיל
צוליב דער שיינקייט פון א טרער,
אָן עכאָ, וואָס פאַרגייט;

נישט פון די, וואָס אימהדיק
זיי צערטלען זייער נאַרב —
כ'האָב פיינט דעם זעלבסט־פיין אין א מענטש,
וואָס קנייטשט דעם שטערן אַזוי לאַנג,
ביז וואַנען ס'בלייבט א קאַרב.

כ'האָב פיינט דאָס קראַנקע אויך אין זיך —
די שעה — דאָס וויאַלע בלאַט —
איך, וואָס זינג פון וועלטן־בראַנד,
וואָס רוף
צו הייסער טאַט.

נאָר ס'טרעפט אַמאָל — פאַרדאַמט! עס טרעפט
אַ האַרבער אומעט וואַרגט —
איז נעם — כאַטש רייס דאָס האַרץ אַרויס!
כאַטש הייל אַרויס אַ לעצטן פלוך —
און דריי זיך אַפּ דעם קאַרק.

די איינזאַמקייט פון אינדיווידּ —
אַ הונגעריקער שאַקאַל! —
אין אַזאַ נאַכט — וואָס וויל דער ווינט;
וואָס וויל דער צאַרטער פרילינג־רויש —
דער שטילער פאַסטאָראַל?...

רינט די צייט — דאָס בלוט־געפעם —
דער וואָלף — די בענקשאַפט — הײַלט...
די נאַכט איז לאַנג — דער פרילינג רוישט —
איך ליג מיט קריצנדיקע ציין,
מיט פויסט אויף האַרץ פאַרביילט.

צו אַ מיידל

ס'וואָלט גרינג געווען דיין פרישקייט צו באַזינגען —
דיין העלן אויגן־שטראַל.
דיין יונג געזיכט אין שוואַרצער לאָקן־פּראַכט צעבליט.
ווייל שיין ביסטו און אומגעצוימט,
ווי שיין עס איז אַ הירש, אַ קרעפּטיק־יונגער;
ווייל ווייך ביסטו און צאַרט אַזוי,
ווי דער נאָכקלאַנג פון אַ נאָגנדיקן ליד.

ווי באַנג מיר טוט, וואָס בלויז זיינען ווערטער:
וואָס כ'הער די הוילקייט זייערע,
ווי רעגן־טראָפּנס אויף געצעלטס אַן אָנגעשפּאַנטן דאַך;
ווי באַנג מיר טוט, וואָס כ'לאָז דיך צווישן פרעמדע —
אין זייער נאָענטקייט דיר פרעמדע —
ווייל פרעמד קאָן ווערן אויך דאָס נאָענטסטע:
דאָס אייגנסטע קאָן אויפהערן פאַרשטיין דיין שפּראַך.

ווי שאַרף דער שניט. אָט־באַלד — מיר וועלן זיך צעשיידן.
מיר דוכט —
ס'בלייבט אַ ליד אין מיר, אַ נישט־דערזונגנס, אָפּגעריסן —
ס'וועט מוזן זיין.
כ'וועל שטיין פאַר דיר מיט דורשט אויף ליפּ:
שווייגנדיק, אין פרייד פון לעצטן האַנט־באַריר,
אין אָפּשייד־אומעט ציטערדיקן איינגעביסן.

איך טראַכט: ווי גרינג עס לאָזן רייד זיך טייטשן.
איך טייטש אַליין —
אַזויפיל יאָר — און די צייטיקייט אין מיר — נישטאָ.
ווי אַ אינגל, דורשטיק ביי דעם שוועל פון לעבן,
שטיי איך נאָך, פאַרחידושט אין מיין בענקשאַפט,
און אינמיטן מאַרש צום מאָרגן
טוליע איך זיך צו דעם איצטער: צו אַן איינציק צאַרטער שעה.

פון ליבע האָב איך זעלטן, זעלטן ווען געזונגען.
צי זינג איך איצט —
דו ווייסט. איך דאַרף קיין ענטפער דיר נישט געבן.
כ'זאָג בלויז איינס:
ס'פיבערט העל מיט דיר מיין היינט.
און גוט איז מיר און ביטער־זיס
אַ פיבערדיקער שפּאַנען דורכן לעבן.

קום!

די שטאָט — מיין האַמערדיקער פּולס,
מיין הייסער אָטעם —
מיר דוכט — די שטאָט איז שטום.
ווייט, אויף שטילע פּאַלמען־שאָטנס,
אויף באַזילבערט־בלאַסע בערגלעך
מיין בענקשאַפט מורמלט — קום...

נעכט — אַזוינע ציטערדיקע:
יאַסמין אין דער לופט —
איז דער שוואונג פון מיינע לידער
דאָרטן ערגעץ איינגעדרעמלט —
און די דורשטיק באַנגע ווייטקייט
רופט...

כ'הער די טריט נאָך פון צוויי מענטשן —
עפּעס לאַשטשען זיי דעם וועג.
צי בין איך דאָס דאָרט געגאַנגען
אין די שפּעטע אָוונט־שעהען —
ביי דעם ליכט פון אויגן־ווייסלען,
העל, ווי דרום־טעג?

מיר דוכט — אַ טרער אַ ווייסע בלישטשעט
אומעטיק, פאַרלוירן, צאַרט —
לאַנגזאַם נידערן די וויעס
און אַ שמייכל אַ פאַרבענקטער
טוט אַ בליץ מיט ציין מיט ווייסע —
און ער ווערט דערשטאַרט.

טוט מיר באַנג נאָך יענער ווייטקייט.
טוט מיר באַנג נאָך יענעם ליכט.
מיידל, בויגעוודיקע, צאַרטע —
צווישן טויזנטער חברים,
ווען עס לויכטן פרייִדיק אויגן —
זוך איך שטענדיק דיין געזיכט.

איז די שטאָט — מיין פּולס, מיין אָטעם —
איז די שטאָט פאַר מיר אָפּט שטום.
ערגעץ דרעמלען מיינע לידער
וויַיט דאָרטן אויף די פּאַלמען־שאָטנס —
ציט עס מיך צו יענע בערגלעך
די פאַרבענקטע שטילקייט ברעכן מיט אַ פעסטן: קום!

אין נאַכטיקן שפּיגל

וויפיל פרעמדע שוועלן אין אַ מענטשן!
וויפיל ווייטקייט הינטער נעפּלדיקע טירן!
פון דער נאַכט — דער שטיל־אין־זיך־פאַרזונקענער —
כ'לאָז זיך פון די סאַמעט־אָרעמס אירע
אין די סודותדיקסטע לאַבירינטן פירן.

אַזוי פיל לעבנס ציטערן אין האַרץ פאַרבאָרגן
און האָבן מורא זיך אַליין געפינען...
אין די פאַרשנדיקע שפּיגלען
פון דער טונקלקייט דער שטילער —
וויפיל שווערער זיך אַליין אַנטרינען...

טרעפט — איך פיל אַזאַ געדרענג אַ ווילדן
טיף אין זיך; אַזוינע פרעמדע קולות שרייען;
פון דער טיפקייט רייסן זיך געשטאַלטן,
שטייגן אויף
און נעמען זיך באַפרייען:

דער ציניקער מיט מידן רוקן;
דער העלד, וואָס שטורעמט איבער ערד און ימען.
צווישןביידן —
אַ שנאה, אַזאַ מעסערדיקע, קאַלטע —
יעדער פון זיי וואַרט איך זאָל דעם אַנדערן פאַרדאַמען...

דער אייפערזיכטיקער, מיט אַש־קאָליר אין פּנים;
דער ליבהאָבער, מיט רויטן ווײַן אין אויגן.
ביידע לאַכן:
— ווען וועל איך אַרויס דער זיגער...
— ווען וועל איך זיך אויפהערן פאַר זיי צו בויגן...

כ׳זע: דעם טרוס, די ווייסע ליפּן זײנע;
דעם פילאָזאָף — דעם אומעטיקן שאָטן —
ביידע קוקן זיי אויף מיר דערשראָקן —
ביידע ווילן וויסן:
— צי זיינען זיי אין מיר געראָטן...

דער מערדער, דער מיט דעם ברוטאַלן, נידעריקן שטערן;
דער ריכטער, מיט די גליענדיקע אויגן־שפּיזן —
אין דער גרויזאַמקייט דער סטאַאישער פון זייער שווייגן:
— ביידע וועלן זיי זיך נאָך אויף מיר פאַרמעסטן...
— ביידע האָבן זייער קראַפט נאָך ניט באַוויזן...

דער דיכטער — אין א ווינקל, ווי אין לויער —
קוקט אויף מיר מיט א פאַרזאָרגטן שטערן:
ער וואַרט איך זאָל די האַנט אים געבן;
איך זאָל דאָס זינגענדיקע שווייגן זײנס —
איך זאָל עס טיף אין זיך דערהערן...

ס׳זיינען קיל די סאַמעט־אָרעמס פון דער נאַכט.
אין דער טונקלקייט דער שטילער — סאַראַ טיפע שפּיגלען!
אזויפיל פרעמדע שוועלן אין א מענטשנס האַרץ!
הינטער נעפּלדיקע טירן —
אזויפיל סודותדיקע זיגלען...

דו און איך

דו און איך —
איך ווייס נישט ווער מיר זענען;
נישט וועלכע קראַפט ס'האָט מיך אַ וואָרף געטאָן צו דיר.
כ'פיל — די אַלטע וואונדן ברענען,
מיין יעדער נערוו
ווערט וואַך ביי דיין באַריר.

דו שווייגסט.
דיין שווייגן איז אַ ליגן.
און רעדסטו — וואַקסט דער ליגן זיך פאַנאַנד.
כ'לאָז זיך פון דיין שווייגן,
כ'לאָז פון דיינע ווערטער זיך פאַרוויגן —
איך מאַך די אויגן צו — און זע נישט,
די טונקלקייט פון ראַנד.

מיך קענסטו נישט.
דיך טאָר איך נישט דערקענען.
אין טיפסטער נאָענטקייט —
איך בלייב דיר אַזוי פרעמד.
אין דיינע אויפגעשטראַלטע אויגן —
אַזאַ קאַלטקייט זע איך ברענען,
אַז דו אַליין, יאָ, דו אַליין
וואָלסט זיך פאַר איר געשעמט...

ס'יערט פון דורות שוין אין דיר
אַזויפיל שוועסטער־זאָמען.
אויף יעדן אמת דיינעם
גייט די פאַלשקייט אויף ווי אַ בוריאַן.
דו ביסט דער המשך
פון אַן אַלטן, אַלטן נאָמען...

און איך —
דער נאַר, דער אייביקער — דער מאַן...

איך ווייס:
אַ נאַכט, אַ שאָטן־שווערע נאַכט וועט קומען.
דיין בלייך געזיכט וועט שטיין פאַר מיר צום לעצטן מאָל.
אַנטקעגן דיר —
מיינע ליפּן וועלן אויך מיט ליגן שטומען...
און וועל איך רעדן —
וועלן ווערטער זיין ווי קאַלטער שטאָל.

שטיל וועל איך דערנאָך און איינזאַם שפּאַנען.
טראַכטן, אַז ס׳איז סיי־ווי שוין געווען גענוג.
טראַכטן —
ס׳זיינען שוועסטער דיינע
נאָך אַ סך, אַ סך פּאַראַנען
און אַז איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל שוין נישט ווערן קלוג...

עס מאַנט מײַן װעג

פון פאַרפלאָנטערטע רייד — דעם זיגזאַגישן גאַנג;
פון ווערטער — די זייפנבלאָז־הערנער;
דאָס שיכורע בלאָנדזשען... דעם שטעכיקן דראַנג...
איך קען זיי — די פּעטליעס פון זייד און פון דערנער...

די מוטנע, די פאַרנע, די זיסלעכע טעג;
דער חלום־פאַרשלייערטער וואַנדער —
מיך ציט ער נישט מער, דער ראָמאַנטישער וועג
צום שווייסיקן, הייסן באַנאַנדער...

איך בין שוין פון יונגוואַלד, פון דעמער אַרויס —
פון פליסטער, פון באַנגיקייט צאַרטער;
איך לעב אין אַ וועלט, וואָס ווירבלט און ברויזט,
וואָס ווייעט מיט ניכטערקייט האַרטער.

איך פיל שוין די שווערקייט פון זומער אין זיך —
עס הענגען שוין פולע די זאַנגען —
אויף וועג מיינעם מאָנען איצט האַרטע צוויי שיך —
גענגאַנגען . . . גענגאַנגען . . . גענגאַנגען!

ווײַל איך — אַפילו אין ליד מיינעם זאָל
געפּאַנצערט מיט שטאָל זיין מיין בענקען;
אַפילו אין זיסטן עקסטאַז זאָל מיין קול
נישט אין זומפּיקער ווייכקייט זיך טרענקען...

דער קאָמפּאַס — מיין טראַכטן — קיל אין מיין האַנט,
האָט דעם כישוף פון יונגוואַלד צעבראָכן;
ווײַל איך נישט מער יענעם פאַרנעם באַנאַנד —
דאָס פאַרזינקען אין וואַרעמע מאָכן...

פון שיכורן בלאָנדזשען — איך קען שוין צו לאַנג
דעם גאַנצן, דעם לעצטן סך־הכל...
כ'בין מיד שוין פון נעפּל־פאַרשלייערטן גאַנג,
בין מיד שוין פון שלאַבער און וואַקל.

גיב מיר דעם קלאָרן, דעם שנייאיקן באַרג,
דעם פּראָסטיקן אָטעם פון וויכער —
וועל איך גיין נעגן ווינט מיט פאַרעקשנטן קאַרק;
וועל איך ציל־באַוואוסט שפּאַנען און זיכער;

וועל איך זיך באַוואָפענען מיט שטעקן און שטריק,
דעם רוקזאַק אויף פּלייצע פאַרוואַרפן —
און כ'וועל שוין די אויגן נישט ווענדן צוריק;
כ'וועל יעדן חוש פאַר מיין וואַנדער־וועג שאַרפן.

איך וויל, אז מיין זומער צום האַרבסט וועט דערגיין,
זאָלן ליגן אין גאַרבן די זאַנגען.
צי צווייאיק מיין וועג איז, צי גיי איך אַליין —
די שיך מיינע מאָנען: — געגאַנגען!

אין אײנזאַמע רגעס

כ'האָב פײנט מײן האַרץ אין זיך —
דאָס װילדע אינגל —
כ'האָב פײנט אין זיך דאָס ברױזיקע געמיט.
װי טיף איך בענק צומאָל
נאָך יענער שטילער גבורה —
דער פאַרזוניקײט פון טאָלן,
מיט בערג אַרומגערינגלטע, מיט אײביקן גראַניט...

איך קען זי נישט, די רו פון יענע גרונטן —
קאָן זײן, אַז כ'האָב זי קײנמאָל נישט געזוכט.
מען זאָגט:
די ערד איז דאָרטן פעט און זאַפטיק,
און לאָזט אַ רעגן זיך פון בערג אַרונטער —
װערט די רױאיקײט נאָך העלער;
צײטיקט זיך נאָך גאָלדענער די פרוכט...

איז גוט זײ אפשר, יענע מענטשן,
מיט הערצער אײנגעשמידטע אין אַ פעלזן־ראָם.
נאָר איך האָב נאָך פון יענע קאַלטע בעכערס נישט געטרונקען:
פון מײן געמיט — דעם הײסן קראַטער —
צינגלט נאָך און צישט,
רײסט זיך נאָך דער אומגעצױמטער פלאַם.

טרעפט — מען שײלט זיך אױס אַמאָל
פון אַלע שלײערס,
װאָס עס האָט דער מענטש שױן צוגעװאױנט
צו טראָגן זײ אױף זיך;
פון פּנים פאַלט אַ מאַסקע נאָך אַ מאַסקע —
און פרעמד און קיל מען טוט אַ פרעג:
איך?!

און ס'טוט אין שפּעטער נאַכט
אין האַנט דער פּאַפּיראָס אַ ציטער;
דאָס אויג וועדט הייס;
עס טוט די ליפּ אַ צוק...
אַ רגע בלויז מיט איינזאַמקייט —
דעם קאַלטן שפּיגל —
און אַראָפּגעלאָזט די וויעס —
און אויף גלאָז אַ הויך:
— געגנוג!

נאָר גוט איז, גוט אַמאָל
זיך אָפּוואַשן פון אַלע גרימען,
און ס'רויע האַרץ
אַ נעם טאָן אויפן שפּיץ פון אַ לאַנצעט.
אַ רגע בלויז —
ווי שנעל די יאָרן רינען! —
אַ רגע בלויז —
און באַלד, אָט באַלד וועט ווערן שפּעט...

נאָכקלאַנג

און נאָך ניט אַנטשוויגן — און נאָך ניט אַנדרעמלט
די אומרו פון פרילינג,
פון אינגלישן טראַנס.
עס פיבערט אין בלוט נאָך דאָס פרעמד־אומבאַשטימטע,
עס נאָגט גאָך אַ בענקשאַפט אַ קרענקלעך־צעקרימטע ;
און ס'ציט נאָך —
עס ציט
צו ראָמאַנס.

וואו בין איך געוואָרן — וואו בין איך געוואָקסן :
וואו האָט זיך רעבעליש
צעברויזט מיין געמיט —
ביי ריח פון רויכוואַרג ; אויף שטאָטישע סקווערן,
אַן לאַנדישע טויען, אַן שימער פון שטערן
האָט זיך צעבונדן,
האָט זיך צעפיבערט
מיין ליד.

נאָר ערגעץ אַמאָל — אין פאַרגאַנגענהייט ווייטער —
אַ פרילינגדיק ווינטל
האָט אַ סטרונע צערירט...
און כ'קען ניט פאַרגעסן — און שווער איז דערשטיקן :
אין בריאַזג פון מאָטאָרן, אין זשום פון פאַבריקן —
דער נאָכקלאַנג, דער צאַרטער
וויברירט...

איז אַ וואוילע די בענקשאַפט — נאָר ביטער דאָס בענקען
מיט אומזין פון אינגל
און רייפקייט פון מאַן.
איך וואַרג מיין ירושה אין פויסטן פאַרקלעמטע,
איך קוק אויף מיין אומרו מיט אויגן פאַרשעמטע
און שלאָג זיך —
און רייס דעם בוריאַן.

ס׳קריגט זיין באַנוס דזשאַן

(באַלאַדע פון אַ וועטעראַן)

אויף מעין־סטריט אין אַ קעלער־שענק
האָט דזשאַן זיך אויפגעפלאַנצט אינמיט:
שוין לאַנג קיין טראָפּן ניט פאַרזוכט —
איצט טראַקטירט ער — אויף קרעדיט.

זעקס פוס די הויך איז ער און דין,
ס׳געזיכט צעקאַרבט און איינגעפאַלן:
די אויגן — הונגער־האַרט, געשליצט —
צוויי שטאָל־בלויע קינזשאַלן.

אַ מענטש איז דזשאַן וואָס טראַכט שוין נישט,
וואָס גיט זיך אויף: — אַלצאיינס...
וואָס מעסט די לענג און ברייט פון שטאָט
פאַראומערט און אַליין.

עס ליגט די שטאָט אין העלער זון,
ווי פאַרצעליי צעבלאַנקט,
און מעין־סטריט בלויז — די בויערי —
איז וויסט, איז גרוי און קראַנק.

און מעין־סטריט בלויז — די בויערי —
פון שטעט דער שוואַרצסטער פליאַם —
ליגט אָפן, ווי אַ רויע וואונד,
און פוילט אין ברוד און סם.

דאָ פילט דזשאַן זיך אינדערהיים,
דאָ האָט ער זיין אָרט.
ס׳גריסט אים יעדער אויפן ראָג —
אַ וואונק, אַ פריינטלעך וואָרט.

אמאָל איז דזשאָן געווען אַ ריז,
אַ „לאָמבערדזשעק" — אַ דעמב —
איצט קאָן מען אים אויף מעין סטריט בלויז:
„דזשאָן, דהי סאָלדזשער טרעמפּ".

זיין רעכטע לונג איז שוין קאַפּוט,
די לינקע גייט אַ גאַנג.
אויף מעין סטריט זאָגט מען „געזד אין פרענס",
ער וועט נישט ציען לאַנג...

ס'האָט דזשאָן קיין ווייב נישט, נישט קיין קינד.
זיין היים — אַ באַנק, אַ שוועל:
אַ פלאָפּ־הויז ווען די נאַכט איז קאַלט;
גאַנץ אָפט — אַ תפיסה־צעל.

רעדן רעדט ער נישט קיין סך,
אמאָל בלויז — נאָך אַ טרונק;
און קיינמאָל טרינקט ער נישט אליין;
מעין־סטריט זאָגט: „אַ גוטער יונג."

נאָר דאָ אין שענק היינט רעדט ער „גרויס",
און רופט זיך „סאָלדזשער דזשאָן".
און קלאַפּט מיט פלאַש אין הארטן טיש:
„איך בין אַ וועטעראַן!"

און ארום אים מיט דורשט אין בליק,
אַ קרייז פון מעין־סטריט געסט;
און דזשאָן פילט יעדן אָן אַ גלאָז
מיט שוואונג, מיט ברייטן זשעסט:

„קאַם אָן, יו גאַיס, קאָל אין דהי גענג!
ווהער איז ביל ענד טעד?
ווי'ר געט'ן ריטש טומאָראָו, לעדס,
ען פעינטן מעין סטריט רעד!"

ער טוט אַ הויב די לערע פלאַש
און שליידערט זי צום דיל,

און צוואַנציק גלעזלעך פליען נאָך
אין רויש פון מאַכט־געפיל.

און דזשאָן שווינגט הויך אַ שטיק פּאַפּיר
און ס'בליצט זיין אויג מיט שפּאַט:
„וויט לאָוו טו דזשאָן פראָם אָנקל סעם!
פּעיד פאָר וויט היז בלאָד!"

„העי? ווער פון אייך דאָ האָט, ווי איך,
פאַרדינט זיך אַ מעדאַל?
שוין אַכצן יאָר אַז כ'בין אַ העלד,
אַ פלאָפּ־הויז גענעראַל!"

„מאָרגן ווער איך רייך! פאַרדאַמט!
וועל איך אַ לעב טאָן היים!
מיט טשיקן־פּאַיס, מיט ביר און וויין!
דערנאָך — איז מיר אַלצאיינס..."

ער טורעמט הויך אינמיטן קרייז
און שווינגט דאָס שטיק פּאַפּיר,
און לאַדט איעדן איינעם איין,
וואָס עפנט אויף די טיר.

„קאָם אָן! לעט'ס העוו אַנאָטהער ראַונד!"
דער שענקער לאַכט און גיט.
ער ווייס, אַז דזשאָן וועט האַלטן וואָרט —
דערלאַנגט ער אויף קרעדיט.

און פולער ווערט דער קעלער־שענק
און ענגער ווערט דער קרייז.
נאָר דזשאָן ווערט פּלוצים שטיל און זינקט —
דאָס פּנים קריידיק־ווייס.

און אויפן דיל שוין — פּרוּווט ער נאָך:
„ווהער איז ביל ענד טעד? —
פון מויל עס שלאָגט אַ רויטער שטראָם —
„ווי'ר פּעינט'ן מעין סטריט רעד..."

טויזנט-לאַנדיק, טויזנט-שפּראַכיק

וויפיל ווייטקייט אין דעם רוף פון אַ סירענע —
וויפיל ענגקייט אין אַ וואָלקן איבער גאַס.
און איך — אויך איך בין נאָך פון יענע,
וואָס קוקן אָפּט מיט אומעטיקע ברעמען,
מיט פאַרבענקטקייט מאָדנע־שטומער
אויף האָריזאָנטס אַ העלן פּאַס.

און ליב, יאָ ליב האָב איך פון שטאָט דעם גאַסן־פּלאָנטער;
און ליב — דעם רויש, דעם אימפּעט, דעם ווירוואַר.
ס'איז די גרויע בירזשע אייגן מיר, ווי אַ חבר, ווי אַ נאָענטער,
וואָס ברענגט מיט זיך —
ליבשאַפט פריידיק־וואַרעמע,
האַס
און צאָרנדיקן זשאַר.

נאָר טוט אַ צי אַמאָל די אָפנקייט פון שליאַכן
און טוט אַ ריס דער האָריזאָנט אַמאָל — בלאָ אַזוי און לייכט...
שטיי איך שטום — איך וויל די אויגן ניט פאַרמאַכן,
ביז עס נעמט ווי פּריסיק בריען
און עס ברעכט דער בליק זיך —
ציטערדיק אַזוי און פייכט.

נישט אַנטלויפן וויל איך פון די הימל־קראַצער, פון די סקווערן:
נישט אַנטלויפן פון פאַבריק — און נישט פון קאַמף.
נאָר שווער איז מיר דעם וואַנדער־גלוסט צעשטערן,
וואָס ציט — און לאָזט זיך נישט פאַרווערן
און דריקט אויף דעם געמיט אַזוי
און פאַרהילט אים, ווי אין נעפּל־שווערן דאַמף.

ס'איז מײַן בענקשאַפט, ווי מײַן ליבשאַפט, נישט געענגט, נישט טונקל־דאַכיק,
נאָר אַ ליכט־געוועב אַזאַ פון פונקען־העלן בלענד;
טויזנט־פאַרביק, טויזנט־לאַנדיק, טויזנט־שפּראַכיק —
איז מײַן ליבשאַפט טויזנט־פאַכיק —
און מײַן שנאה בלויז, די ביטער־האַרבע,
איז אויף ציל, אויף איינציקן, געווענדט...

און מײַן שנאה בלויז, די איינציקע, די ביטער־האַרבע,
וואָס איז ליכטיקער אַ סך פון העלסטער ווײַט —
שטראַלט אַריבער אַלע נאָענדיקע פאַרבן
און לאָזט שאַרפע בושה־קאַרבן
פאַר מינוטן אָפּגעריסענע
פון שטייענדיקן שטרײַט.

טעג פון דערשיטער

אין טעג פון דערשיטער

ווי פיבערדיק עס קענען ווערן טאָג־און־נאַכטן!
פון פיין — ווי איבערפול די שווערע מאָס!
יעדער נערוו צעריירט פון טויזנטער פאַרדאַכטן.
א טרויער נאָגט און לאָזט נישט קיל באַטראַכטן —
נו, און איצטער . . . נו, און ווייטער וואָס...

שווער היינט האָפערדיק די וועלט באַזינגען;
נישט גרינג היינט באַהעפטן געפיל מיט פאַרשטאַנד.
אין שעהען, אין רגעס געשפאַנט ביז צעשפּרינגען,
וואו נעמט מען די קראַפט דאָס געמיט צו באַצווינגען,
דעם שוואונג פון א זיכערער פען אין דער האַנט...

און איך האָב לאַנג, שוין לאַנג מיין וועג געפונען —
איך ווייס וואו ס'גיט דער מענטש דער מענטשהייט זיך אוועק...
נישט מיין גלויבן, נישט מיין האָפענונג איז צערונען.
איך ווייס אויף וועלכע האָריזאָנטן ס'לויכטן מיינע זונען —
נאָר אויך די העלסטע גייסטער קענען וואָלקנדיקע טעג...

זאָל זיין ס'איז געמיט, דער אייביקער שפּאַלטער —
נאָר פיינלעך איז היינט צו זיין א פּאָעט.
דער קאָפּ מוז זיין ניכטער, א מייסטער א קאַלטער.
א דיכטער מוז אויך זיין א גוטער פאַרוואַלטער
און מעסטן און וועגן אַלצדינג, וואָס ער רעדט.

ס'זיינען גליטשיק מיט בלוט צום אָפּגרונט די וועגן.
עס זשיפען די לענדער פאַרטייעט און שווער.
פעלקער מען טראָגט היינט דעם הענקער אנטקעגן!
„. . . פרידן . . .״ און ס'בייטשט אזא בלוטיקער רעגן!
און טשעמבערלעין „וויינט״ פאַר דער מענטשהייט א טרער...

וואו נעמט מען אַ וואָרט דעם פּלאַנעט צו צעווייגן!
אַ וואָרט, וואָס זאָל אויפבּרויזן יעטוועדנס האַרץ!
דערשראָקן די וועלט — און אין פּנים געשפּיגן!
פאַרדעקט מיט אַ טרער דעם גרויליקסטן ליגן —
און פאַרוואָרפן אַ פּאָלק אינעם ווײַטסטן אַזאַרד!

איצט שפּאַנט זי אויף בלומען די ברוינע היענע —
„זיג הײַל!” און טריאומף! — און אַ פרידנס־מאַנדאַט...
און ווילדער און ווײַטער ווערט די אַרענע!
עס יאָגט צעפּאַלאַשעט, מיט סאַמיקער פּיענע,
איבער אײראָפּעס צעוואַונדיקטער ערד דער פּאַראַט.

אָ, נעכט מײַנע וואַכע, מיט האַרצבּלוט אין אויגן —
מיט ווילדן קאָשמאַר־געוויטער צעהעלט:
— זאָל זײַן ס'האָט פּחדנות אַריבערגעוואויגן!
— זאָל זײַן ס'איז ביז סוף שוין די פּעטליע פאַרצויגן!
— וואו ביסטו, אָ מעכטיקסטע פויסט פון דער וועלט!

שעהען אַזוינע — זיי שטײַגן און שווינדן.
טיף אין מיר ווייס איך: עס צײַטיקט די קראַפט.
נאָר ס'קומען אָן טעג וואָס שנײַדן און שינדן —
און שווער איז דאָס האַרץ, דאָס צעשויבערטע, בינדן
מיט די שטריק — דעם פאַרשטאַנד — וואָס איז האַפט.

ס'ווערט טרוקן ס'געזאַנג אויף צעפּיבערטע ליפּן,
דאָס טיפסטע ווערט נישטיק אין פאַרמעסט מיט אַלץ...
עס זינגט זיך נישט גוט, ווען שײַטערס סקריפּען.
זאָל דאַלאַדיע זאָגן — אויך ער מוז דאָרט כליפּען
און ווי טשעמבערלעין ווישן פון אויגן דאָס זאַלץ...

זאָל זאָגן איל דוטשע — אויך ער האָט דערמאָסטן
דעם ווערט פון אַ לעבן, דאָס גליק פון דער וועלט...
זײַן שווערד וועט, ווי היטלערס, אין שייד איצט שוין ראָסטן...
עס וועט שוין די פעלקער קיין בלוט מער נישט קאָסטן...
אויך ער איז פון פרידן טיף־מענטשלעך באַזעלט...

יאָ, מיר איז שווער, מיינע טעג זיינען — לויער...
מיינע נעכט מיט קאַשמאַרן־געוויטער צעבליצט —
עס פרעסט מיך אַ בייזער, אַ גליאיקער טרויער,
די בלוטיקע וואונד ווערט טיפער און רויער —
מיין האָס איז ביז דינסטע ניואַנסן פאַרשפּיצט.

מיין האָס! — איך האָב אים נאָך קיינמאָל פאַרלאָרן!
פּונקט ווי כ׳האָב קיינמאָל מיין ליבשאַפט פאַרשוועכט.
זיי זיינען ביי מיר פון איין וואָרצל געבאָרן —
אַ פלאַמיקע רויז און אַ שטעכיקער דאָרן —
זיי זיינען מיין וואָפן! מיין זיג אין געפעכט! —

נאָר כ׳קען היינט דעם קאָפּ נישט צום הימל פאַרהויבן
און אַ טרובע טאָן העל, ווי נאָך זיג אַ טרומייט.
איך וויים: דער מענטש וועט זיך אייביק נישט לאָזן באַרויבן;
פאַראַנען אַ לאַנד נאָך מיט זון אין די שויבן...
האָריזאָנטן, וואָס לויכטן מיט פרייד.

און דאָך איז מיר שווער היינט פריידיק צו זינגען;
שווער מיר באַהעפטן געפיל מיט פאַרשטאַנד.
ס׳האַרץ בעט — אַ טרער... אויב ס׳זאָל נישט צעשפּרינגען...
נאָר שטאַרקן זיך מוז עס דערנאָך — און באַצווינגען:
די שלאַפקייט, דעם פּיין, די דערשיטערטע האַנט.

דייטשלאַנד

„אָ, דויטשלאַנד, האָך אין ערן...״
אין גרוילן איינגעשמידט! —
דו לאַנד פון בלוט און טרערן —
עס זינגט צו דיר אַ איד

מיט ליבקנעכטס קראַפט אין האַרצן,
מיט היינעס זאַלץ אויף ליפּ,
מיט וואָרט פון קאַרל מאַרקסן —
מיט מיינע ברידערס כליפּ.

עס זינגט צו דיר אַ איד,
אָ, דייטשלאַנד, טיף אין שאַנד!
וואו איז דיין פרייהייט־ליד,
דיין שטאָלץ צום היימאַט־לאַנד?!

עס זינגט אַ איד צו דיר —
דאָס בלוט, וואָס דו פאַרגיסט! —
עס גליט אַ האַס אין מיר,
פאַרפּעסטעט לאַנד, פאַרוויסט!

אַ האַס, וואָס שטייגט און זוכט,
וואָס וואַקסט זיך גרויס פאַנאַנד,
אַ האַס אַזאַ, וואָס פלוכט
אין דיר דער מענטשהייטס שאַנד!

„אָ, דויטשלאַנד, האָך אין ערן...״
אין גרוילן איינגעשמידט! —
דורך קללות און דורך טרערן!
עס זינגט צו דיר אַ איד:

דיין שפּראַך האָט מיך פאַרזונגען,
דערהויבן מיך — דיין גייסט;
ס'האָט שילער מיך באַצוואונגען,
ס'האָט געטע מיך געשפּייזט...

ס'האָט טעלמאַן מיך געצונדן;
ס'האָט ווערינג מיך באַגליקט!
אָ, דייטשלאַנד, טיף אין וואונדן —
דו ביסט נאָך נישט באַזיגט!

נישט דו, אָ לאַנד פון היינען!
נישט דו, אָ מאַרקסעס וואָרט!
דורך וואוט און בלוט און פּיינען,
דורך נויט און טויט און מאָרד

וועסטו זיך נאָך באַווייזן,
וועסטו אַ הויב זיך טאָן
פאַרפּרעסט אין פויסט פון אייזן
דעם פלאַם פון זיגער־פאָן!

דער מערדער פון געדאַנק

איך הער זיין טראָט פון אַלע זייטן קומען —
ער רייסט זיך דורך מיין חלום מיט געבראַזג פון טאַנק —
אין עטער־כוואַליעס הער איך עס, דאָס ברומען ;
דעם ציינער־קריץ — דעם מערדער פון געדאַנק.

יאָ, עס האָט זיין שטים זיך שוין אַהער דערטראָגן —
ס׳פליסט פון ליפּן שוין דאָס סמיקע געטראַנק —
ער לויערט שוין אויף הויפן און אויף ראָגן ;
ער צייכנט שוין די שוועלן אָן . . . דער מערדער פון געדאַנק.

דאָ גייט ער נאָך אַרום אין טויזנטער געשטאַלטן ;
זיין געהייל איז דאָ נאָך — אַ פאַרשטעלטער קלאַנג.
דאָ ליגט ער נאָך אין קאָגלינס פּריסטער־ראָק באַהאַלטן...
נאָר וואו ער קומט — איז ער דער מערדער פון געדאַנק !

איך זע די מעסערס שוין — די שנאה — פלאַקערן אין אויגן ;
די האַק — דעם איינגעהאַלטן־רוצחישן פאַרלאַנג...
און רוקנס, רוקנס אידישע, איך זע זיי שוין געבויגן —
און ווייסע ליפּן שעפּטשען : — דער מערדער פון געדאַנק...

ס׳האָט יעדעס פאָלק די פּירער זיינע, זיינע גאַנדים —
דעם שטאַב, וואָס ברעכט, וואָס מאַכט זיין ווילן קראַנק —
— שווייגן זאָל דער איד, ווייל אַנדערש דאָ אין לאַנד איז...
שווייגן זאָל דער וואָפן זיין — געגן מערדער פון געדאַנק !

דעם איד אין מיר — מען הייסט אַראָפּלאָזן די וויעס ;
ביי די ראַנדן גיין מיט שטילן, זקנדיקן גאַנג ;
קריכן זאָל איך, שאָטנדיק זיך שאַרן, רייסן קריעות...
נישט זען זאָל מיך, נישט הערן זאָל — דער מערדער פון געדאַנק.

און מיינען מיינט עס: אַלץ איז שוין פאַרפאַלן...
איכהדיק זאָל צאַנקען מיין געזאַנג...
אַלע וועגן, מיינט עס, אַלע טויערן צעפּראַלן —
און דעם האַלדז דערלאַנגען אים — דעם מערדער פון געדאַנק.

יאָ, איך זע די מעסערס שוין — די שנאה — פלאַקערן אין אויגן;
די האַק — דעם איינגעהאַלטן רוצחישן פאַרלאַנג...
נאָר ס׳וועט קיינמאָל זיך דער איד, דער מענטש אין מיר, נישט בויגן!
קיינמאָל ניט, מיט שלאַפע הענט, זיך אָפּגעבן דעם מערדער פון געדאַנק!

דאָס „אינערע געזעץ"

עס קומט מיר אוים מיט דיכטער אָפּט צו זיצן
און הערן רייד צומאָל, וואָס קלינגען אַזוי פרעמד —
אין דעם שטיין — דער אייביקייט — פאַרקריצן
זיי ווילן זיך... און זיינען אַזוי קאַלט און אומפאַרשעמט

צום לעבן אַרום זיך — צו אַלע גרווילן;
בלויז דאָס אייגנסטע איז נאָענט און איז זיס;
ווי ס'וואָלט אַ מאַכט, אַן אומבוויגזאַמע, זיי באַפוילן:
— נישט קוקן ווייטער ווי די אייגענע צוויי פיס.

האָב איך גערעדט מיט אַזאַ איינעם נעכטן —
ביי אַ טישל אין אַ שטילן רעסטאָראַן —
צוריק מיט יאָרן אים געזען אין וואָרט־געפעכטן;
געוואוסט: זיין לעבן איז אַ ביליקער ראָמאַן.

ס'האָט אַ צופאַל אונדז געלאָזן ביי דעם טישל.
— ער וויים: איך בין אַ דיכטער און אַ איד —
האָט ער גענומען אין אַ העפטל מישן:
— ער וועט מיר לייענען אַ ליד.

— ער האָט זיך — זאָגט ער — אויסגעשיילט פון אַלע ראָסטן;
אַמאָל איז ער געווען אַ ציונישער פּאָעט;
אין זיין ליד האָט ער זיך ווייטער נישט פאַרמאָסטן,
ווי פונעם ווייגלאָז ביז צו דער געליבטערס בעט...

און ער טוט אַ צי די שפּיציקע צוויי ברעמען
און מיט דער צונג די בלויע ליפּן אַ באַנעץ:
— ער שרייבט אַצינד אויף סאָציאַלע טעמען;
ער טוט עס לויט אַן אינערן געזעץ...

און כאָטש ער שרייבט די לידער זיינע נישט אויף אידיש,
טראַכט ער, אַז פאַרשטיין וועל איך אים גוט.
ער וויים — און ס'איז ביז היינט אים נאָך אַ חידוש —
אַז אידן האָבן גוטע דיכטער. ער האָט אויך אין זיך אַ ביסל אידיש בלוט...

און ער האָט גענומען לייענען אַ באַלאַדע:
— אַ בחור איז געקומען פון מאַדריד;
איינער פון דער לינקאַלן בריגאַדע —
אַ שוישפּילער, אַ טרוס, אַ איד...

— אוועק איז ער אַהין נאָך אוואַנטיורע,
און געקומען ווי אַ העלד איז ער צוריק...
כאָטש דאָרט האָט ער זיך אָפּגעהיט די שקורע;
נישט אויסגעשאָסן דאָרטן פון קיין ביקס...

— נאָר אין אים, אין אָט דעם בחור ליגט דער אמת:
דאָס איז דאָך דער אורשפּרונג פונעם מוט;
אַלע „העלדן" דאָרט קענען ווערן טעמעס
פון נאַראָנים פייגע, וואָס פאַרגיסן זייער בלוט

ווייל זיי האָבן ליב זיך זען אין העלדן־שפּיגל;
ווייל הינטער העלדישקייט באַהאַלט זיך דאָך דער טרוס;
ווייל ס'וועלן פרויען אויפפּראַלן פאַר זיי די ליבע־ריגל...
און דער פּריז פון העלדישקייט וועט זיין — געננוס...

איך האָב די ליפּן מיינע בייז געביסן;
אויסגעהערט אים ביזן סאַמע סוף.
געצאַמט האָט זיך עס פון מיין מויל אַרויסגעריסן:
— פּאַלש, פונעם ערשטן ביזן לעצטן סטראָף!

— צי טראַכט ער נישט, אַז די אידייע
דערהויבט די סיבות פונעם אינדיווויד?!
און אַז פון העלדנמוט אַן עפּאָפּייע
פאַר דער וועלט וועט בלייבן שוין מאַדריד?!

ענטפערט ער: — געוואָלט האָט ער באַשאַפן טאַקע
מיט דעם איד, דעם שווישפּילער — אַ פּראָטאָטיפּ,
וואָס זאָל אויסשטעכן אַ סאָציאַלע מכּה! —
און, קרייזלענדיק זיין בלויע אונטערליפּ:

— ער איז אַ מענטש פון שטענדיק אַ געוואָגטער;
ווי ער זעט — אַזוי איז אויך זיין ליד.
זיין העלד איז עכט, איז אַ כאַראַקטער,
וואָס איז טיפּיש פאַר די העלדן פון מאַדריד.

כ'האָב געפילט: מיין צונג איז ווי אַ דאָרן;
די פויסט ווערט האַרט, ווערט אָנגעלאָדן, שווער.
בייז און שטעכנדיק האָט זיך אַ ריס געטאָן מיין צאָרן:
— אַ דיכטער איז ער? ניין — אַ ליגנער און אַ מאַראָדער!

נאָר קאַלט האָט ער זיין קאַווע שוין געטרונקען
און דין און ציניש האָט ער זיך צעלאַכט:
— ער ווייס אין וועלכע קונסט־באַגריפן כ'בין פאַרזונקען;
ער דערקענט לויט וועלכער ליניע איך טראַכט...

האָב איך אים שוין געלאָזן ביי זיין קאַווע —
אינדרויסן איז די לופט געוועזן פריש.
געפילט האָב איך: צוויי אויגן פיינטלעכע און זשוואַווע,
עפּעס קלעפּיקס קריכט מיר נאָך פון יענעם טיש.

כ'האָב געוואָלט פאַרגעסן אים, דעם יונג דעם דאָרן,
מיט זיין מאַרך, וואָס איז באַשלאָגן ווי מיט קרעץ...
פאַראַן אַזויפיל דיכטער נאָך, וואָס נאַרן,
אַז זיי „שאַפן לויט אַן אינערן געזעץ..."

אַ נאָך־טעם איז געבליבן ביטער אויף מיין גומען:
ווי הויל עס קענען מענטשן זיין, ווי וויסט!
זיין „סאָציאַלקייט" — יאָ, איך האָב זי שוין באַנומען...
שפּעטער האָט אַ חבר מיר געענטפערט: — ער? כ'קען אים. אַ טראָצקיסט...

פאַרן לעבן

פאַר מיר אַליין — דער טויט:
אַ נעפּלדיקע ווייטקייט און אַבסטראַקטע.
גראָע מלאך־המות־שאָטנס
גריזשען נישט דעם לויף פון מיין געדאַנק.
אין מיין בלוט
עס ריזלט נישט די קאַלטע שרעק
פאַר אונטערגאַנג.

איך טראַכט פון טויט אַצינד —
ווייל ס'גייט אויף אונדז אַ פייער;
ווייל מיין אייגן לעבן,
ווייל דאָס לעבן פון מיין יעדן קלאַסן־ברודער
איז מיר טייער!

— — — — — — — — — — — — —

כ'געדענק:
דאָס ערשטע מאָל אין מיין זכרון
אַריינגעשניטן האָט דער טויט אַ קאַרב,
ווען ס'האָט דער אַלטער שוסטער, מאָטיע,
אין אַ לוזשע אייגן בלוט,
צו זיין טאָכטער שטיל געשעפּטשעט:
— רבקהלע . . . איך . . . שטאַרב . . .
כ'געדענק די ביקס נאָך און די קוטשמע,
דעם שיכור־הייזעריקן לאַך —
כ'האָב אין טויט־שרעק קינדערשן
געטוליעט זיך צו ליימענער פאָדלאָגע,
ווען כ'האָב דערהערט דעם שאַרפן ביקסן־קראַך.

שפּעטער,
ווען מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן
ס'האָט דער שכן, אירע־יאָסל,

איבער מאַטיע שוסטער זיך געבויגן
און געמורמלט מיט אַ קול אַזאַ פאַרשטיקטן:
„ברוך דיין אמת.
ס'איז געווען פּעטליורעס אַ קאָזאַק.״
האָב איך, צום לעצטן מאָל, מיט שרעק אַ ביסל,
אויפן טויטן שוסטער פון אַ זייט געטאָן אַ זשמורע,
און געפּליסטערט שטיל, צו זיך אַליין:
— פּעטליורע . . .

ערגעץ אין מיין האַרצן
האָט דאָס פרעמדע וואָרט זיך אָפּגעשטעלט.
כ'האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט:
כ'פאַרשרייב מיין ערשטן חשבון
מיט דעם מערדער־שיכט
פון אונדזער וועלט.
ווייט שוין הינטער מיר איצט
זיינען יענע פייער־שטורעם־טעג.
נאָר ביז איצט נאָך דאַכט מיר:
מיט רויטן אָנגעצייכנט
האָט מאַטיע שוסטערס בלוט
מיין ווייטערדיקן וועג.

— — — — — — — — — — — — —

נאָך געדענק איך:
אַ רייכע גאַס אין ווין.
אַרבעטער מאַרשירן.
ווינטער אין דער לופט.
ביקסן און מונדירן.
ביינערדיקע מענטשן —
רויטע סטענגעס אין לאַצן.
קיין איינציקער קאָפּ נישט אין פענצטער —
פאַרגליווערט, פאַרהאַקט די פּאַלאַצן.
אין ווירוואַר פון זייטיקן עולם
איך קוק אויף די ערנסטע רייען.
די לידער — ברויזיק און ערנסט.
ערנסט די הורא־געשרייען.

און פּלוצים —
אַ סווישטש.
אַ געלאַף פון מונדירן.
אַ שווינדל־געבליץ פון באַגנעטן —
ס׳טוט אַ צעוויג זיך די מאַסע
און ס׳הערט זיך אַ קול, ווי אַ דונער:
„ניכט פליען! ניכט פליען, פּראַלעטן!"
און איידער דער רוף נאָך צעטראָגט זיך —
איך הער שוין אַ ריטמישן קנאַלן.
אין פּלאָנטער פון זייטיקן עולם
איך זע זיי —
די אַרבעטער פאַלן.

יענעם אָוונט, אין אַ קאַלטן באַראַק,
האָט אַ אינגל געדעדט פון „אָקטאָבער"
און אונדז אויסגעלערנט אַ ליד —
אַ שפּאָט־ליד — אויף דעם מערדער
הער שאָבער.

שפּעטער, אויף האַרטן געלעגער,
אין אַ טרויער אַ מאָדנעם פאַרנורעט,
האָב איך אַלץ נישט געוואוסט נאָך פאַרוואָס,
איך טראַכט פון מאָטיע דעם שוסטער
און דעם שיכורן קאָזאַק פּעטליורעס.

אין מיינע צעפּיבערטע זעכצן יאָר
יענע נאַכט האָט זיך עפּעס געביטן —
אין מיין זכרון האָט ווידער טויט
אַ טיפערן קאַרב נאָך פאַרשניטן.
און פאַרשריבן אַ חשבון אַ צווייטן
האָט מיין האַרץ
יענע נאַכט, אויף מיין אייזערנעם בעטל.
כ׳האָב דעמאָלט נאָך אַלץ נישט באַנומען:
פאַרשריבן
מיט בלוט פון פּראָלעטן.

— — — — — — — — — — — — —

איך בין דאָן אַ לערײַונג געװעזן,
געאַרבעט פֿון פֿרי ביז בײַנאַכט.
נאָר אויף חלום האָב איך געלעבט;
מיט חלום האָב איך געטראַכט.
אַ בענקשאַפֿט האָט שטענדיק געטליעט;
אַ נאָגן האָט אײביק געקלעמט —
נאָך דעם, װאָס איז װײַט און פֿאַנטאַסטיש,
נאָך דעם, װאָס איז אױסטערליש־פֿרעמד.
האָט מיך אַ צופֿאַל — אַ בריװל — פֿאַרטראָגן
צו די ברעגן פֿון „גאָלדענעם לאַנד" —
און אַן אַנדער מין לעבן — אַ קעלטערס —
האָט גענומען מיך פֿירן בײַם האַנט.

אויף „ריװערסײַד דרײַװ", בײַ מײַן פֿעטער,
האָב איך געװאױנט — און געהערט דאָרטן רײד:
„יוניע . . . אַרבעטער . . . פֿעקטרעס . . .
ביזנעס . . . סטאַקס . . . ריעל־עסטײט..."
ס'איז אַלץ דאָרט געװען אַזױ גלאַנציק,
אַזױ קאַלט, אַזױ זעלבסט־זיכער־פֿלאַך.
ס'האָבן פּראַקטיק די טעג זיך געצויגן —
האָב איך באַשלאָסן: גײ לערן אַ פֿאַך.
ס'האָט מײַן פֿעטער, דער רײַכער, געשװיגן,
נאָר מײַן קאָזין — אָט־דער מיטן פֿליך —
האָט געמוסרט: „װאָס נאָר — אַ פֿאָריער?!"
„יאָ, אַן אָפּערײטאָר". און כ'האָב גענומען אַ צימער פֿאַר זיך...
— — — — — — — — — — — — — — — —

װי גרינג־פּיסיק ס'לויפֿן די יאָרן
אין פֿיבער פֿון אינגלישן ברויז —
אין פֿרײַנטשאַפֿט, אין חלום פֿון ליבע —
דער זיסער, דער שטעכיקער רויז.
האַרט איז דאָס לעבן געװאָרן —
מיט בירזשע, מיט שאַפּ און מיט מי.
יעדער טאָג — אַן אָנװאוקס פֿון טראַכטן,
פֿון גריבלען, פֿון זוכן — אַ ציל.
כ'האָב געװאוסט שוין פֿון סטרײַקס און פֿון קאַמפֿן;
געטײלט שוין אויף קלאַסן די װעלט —

נאָר אַליין זיך מיט קיינעם געברידערט;
מיט קיינעם אין ריי זיך געשטעלט.
— — — — — — — — — — — — —

ס׳איז אַ הייסער אויגוסט־אָוונט.
אַ מענטשן־דאַמבע אויפן סקווער.
סאַקאָ און וואַנזעטי שטאַרבן!
אויגן גליען.
קולות רוישן.
און אויף איינמאָל אַ געפּליסטער:
— איצטער פירט מען זיי צום „טשער"...

כ׳שטיי אַ שטומער, אַ דערשטאַרטער,
עפּעס קאָן איך נישט פאַרשטיין.
ס׳גיסן היים זיך אָן די אויגן
און עס שרייט וואו אין דער טיפקייט
און עס רעוועט:
ניין!!

אין געהירן — אַ געפּלאָנטער;
אַזאַ וואַנזיניק געדריי
פון געדאַנקען און געפילן.
ווי פון נעפּל שטייגן בילדער —
בלוט־פאַרגאָסענע געשטאַלטן,
וואָס דערמאָנען און פאַרבינדן
זייער טויט
מיט אָט־די צוויי:
מאַטיע שוסטער...
בלוט אַ לוזשע...
„ס׳איז פּעטליורעס אַ קאָזאַק..."
איך דערמאָן זיך:
ווין —
מאַרשירער...
ביקסן קראַכן —
מענטשן פאַלן —
און איך הער דאָס אינגל רעדן

פון „אָקטאָבער" יענעם אָוונט
אין דעם פּראָסטיקן באַראַק.
— — — — — — — — — —

ס'האָט דער טויט אין יענער נאַכט
אין ריי אויך מיר געשטעלט
מיט מיין קלאַס —
דעם חשבון מאָנען
ביי דעם מערדער־שיכט פון וועלט.
— — — — — — — — — —

ס'זיינען טויטע צוגעקומען
שוין א סך פון דעמאָלט אָן.
ס'האָבן אַרבעטער געגעבן
זייער לעבן — פאַרן לעבן! —
אינעם הייסן פרייהייט־קאָן.
וויפיל נעמען! וויפיל העלדן!
(ס'האָט דער שונא נישט געשפּאָרט)
און זיי אַלע ווירקן — שלאָגן!
ס'קאָן דער טויט זיי נישט דעריאָגן,
נישט פאַרווישן זייער וואָרט.
— — — — — — — — — —

כ'טראַכט פון טויט אַצינד —
ווייל ס'קומט דאָס גרויסע פייער!
ווייל ס'פּלאַצן שוין שראַפּנעלן
און ס'גיבן מיינע ברידער —
פאַרן רעכט אויף לעבן —
ס'לעבן שוין צושטייער.

ווייל כ'הער דעם טויט אויף הימלען
שוין טויזנט־פאַכיק שוועבן;
ווייל כ'ווייס:
עס איז באַשערט מיר
מיט טויט און טויט־געפאַר
זיך שלאָגן
פאַרן לעבן.

פּאַטערלאַנד מיינס

ווי אַזוי־זשע זאָל איך דיין שיינקייט באַזינגען,
פּאַטערלאַנד מיינס, ווי אַזוי —
ס'האָט קיינמאָל מיין אויג נישט געשטרייפט דיינע פעלדער,
ס'האָט קיינמאָל מיין טראָט נישט באַרירט דיינע וועלדער,
מיין ליפּ — זי אַנט בלויז דעם טעם פון דיין טוי,
פּאַטערלאַנד מיינס!

פּיבערט אין מיר אַזאַ אומרו אַ טיפע,
אַ בענקשאַפט, וואָס דו האָסט גענערט —
כאָטש איינמאָל דערזען דיינע טאָלן און פלאַכן,
דערהערן פון לויטערן יובל דאָס לאַכן;
כאָטש איינמאָל באַטרעטן דיין ערד —
פּאַטערלאַנד מיינס!

ס'האָט אַמאָל מיך דער ירדן דער אַלטער געצויגן —
אַמאָל... אַמאָל... אַמאָל...
דאָס בלוט פון מיין פאָלק איז דעמאָלט גערונען,
האָב איך אַ אינגליש־צעפיבערטן חלום געשפּונען
אין גאַליצישן שטעטל אין טאָל —
פּאַטערלאַנד מיינס!

יענע יאָרן איצט ליגן אין רויכיקע שלייערס,
אין טרימער באַוואַקסן מיט מאָך —
נאָר ס'קרעכצט נאָך מיין טאַטע אין שטעטל אין פּוילן,
עס ליגט נאָך מיין פאָלק אונטער בלוטיקע זוילן
און זשיפּעט געפּייניקט, פאַריאָכט —
פּאַטערלאַנד מיינס!

וואו איז מיין חלום, וואָס איך האָב געשפּונען —
דער חלום פון פרייהייט און פרייד —
דער ירדן, דער כרמל, דאָס ליד פון דער סאָבע —

אויף בלוטיקע פעלדער ער ליגט דאָרט צעבראָכן,
דער חלום — פון ליגן פאַרזייט...
פאָטערלאַנד מיינס!

דאָס ליד, די התקוה, איך האָב עס פאַרוואָרפן
מיט ערשטן פאַרטיפטן געדאַנק.
נאָר ביז כ'האָב דאָס לעבנישע וואָרט נישט באַנומען,
האָב איך געטוליעט אַ פינצטערן טרויער אַ שטומען,
געטוליעט פאַרביסן און לאַנג —
פאָטערלאַנד מיינס!

ערשט דאָ, אינעם לאַנד פון די שטערן און שטרייפן —
ס'האָט לעגין שוין דעמאָלט גערוט —
האָט לאַנגזאַם דיין וואַרעמער שטראַל מיך געטראָפן,
ביז כ'האָב מיין איינזאַמען אומעט פאַרוואָרפן,
ביז כ'האָב דערקענט: דאָס ביסטו! —
פאָטערלאַנד מיינס!

ווי מעכטיק, ווי גרויס דו האָסט זיך צעוואַקסן! —
צעוואַקסן אין קאַמף און אין מי —
דער שונא קוקט גיריק דיין גרענעץ אַריבער,
נאָר ס'היטן מיליאָניקע וועכטער מיט ליבע
דיין אויפגאַנג, דיין ליכטיקן בלי —
פאָטערלאַנד מיינס!

און דאָס, וואָס דו האָסט מיר דורך יאָרן געגעבן,
מיר — דורך מיין פאָלק, דורך מיין קלאַס —
דאָס האָט מיך צום מענטשן, צום לעבן פאַרקלאַמערט,
דאָס האָט מיט דיין גורל פאַרשמידט מיך, פאַרהאַמערט.
איצט גיי איך — אויף טויט און אויף לעבן געפאַסט —
פאָטערלאַנד מיינס!

פיבערט אין מיר אַזאַ אומרו אַ טיפע,
אַ בענקשאַפט, וואָס דו האָסט גענערט —
כאָטש איינמאָל דערזען דיינע טאָלן און פלאַכן,
דערהערן פון לויטערן יובל דאָס לאַכן,
כאָטש איינמאָל באַטרעטן דיין ערד —
פאָטערלאַנד מיינס!

שוין אַזוי פיל נעכט

שוין אזוי פיל נעכט אַז איך בין וואַך.
שוין אזוי פיל מאָל
געציילט די ברעקלעך פון די שעהען...
און יעדן ברעקל קלאַמערט אַ געדאַנק,
און יעדן ברעקל — גריזשענדיקע קלאָען.

מיין ליד גייט אויף ביים גלי פון פאַפּיראָס.
מיין וואַכער חלום
נאָגט ביז ליכטיקע פאַרטאָגן.
איך פלאַטער אויף — אַ מידער אַלבאַטראָס —
און לאָז זיך פון די בלאָע נאַכט־ווינט־כוואַליעס טראָגן.

וויפיל לענדער האָב איך אויסגעמאָסטן שוין אַזוי —
ס׳ציטערט דאָך אַזוי פיל פיין אויף מיינע פליגל ! —
און ווינט, און יאָמערדיקן, הער איך דאָס געוואָי
פון מיין צייט —
דעם בלוט־באַפאַרבטן וואונדער־שפּיגל.

פון יעדן רגע־טראָפּן קאַפּעט דאָס געוויין :
פון קיינעמסלאַנד ; פון אַן ערשטן קוויטש און בלוטנדיקע שנייען —
פון פּעפּיטאָן — דעם פיר־יאָריקן — אַליין...
פון זיין מוטער — פון אַלע טויטע
און די שלאַכטן פון די פירענייען...

דער זייגער ברעקלט שטיקלעך פון דער נאַכט —
יעדעס ברעקל איז אַ נאָדל אַ צעגליטע —
וויפיל מאָרדן, וויפיל גרוילן ווערן איצט פאַרטראַכט —
און יעדן ברעקל —
וויפיל פיין אין טורמע מאַאַביטער...

אין יעדן ברעקל — וויפיל טרערן, וויפיל שרעק —
דאָרט וואו הונגער איז דאָס איבערבעט און קישן...
צי ליגט נישט וואָך איצט, אין אַ פּוילישן, אַ וויטן העק
מיין אַלטער טאַטע, אַ פאַראייִנזאַמטער, און שעמט זיך —
פון אַן אויגן-קנייטש אַ טרער ארויסצואווישן...

די נאַכט איז לאַנג. מיין חלום — אַזאַ מידער —
פלאַטערט אינעם פּולס, אין פיבער פון סעקונדן —
ביים גלי פון פּאַפּיראָס ס'גייען אויף אין מיר די לידער —
מיינע שטילע, מיינע הייסע לידער —
מיינע ליבעס... מיינע וואונדן...

ס׳וועט ניט שטאַרבן דאָס פאָלק

איבער אַלע ראַנדן, איבער אַלע ברעגן פליצט דער טרויער.
פון אַלע זייטן — פראָסט, וואָס בושעוועט, וואָס שרפעט דאָס געמיט.
אויף יעדן ברעג — אַזוי פיל פיין, אַזוי פיל פינצטערניש און לויער!
אַזוי פיל הפקרדיקע שטיינער
אויף דעם וואַנדערער דעם אייביקן — דעם איד!

וואונדן, אַלטע, טיפע וואונדן אינעם האַרצן רייסן.
אונדזער בלוט אין דורות איינגעשניטן האָט אַ גליענדיקן קאַרב.
ווער נאָך, ווי מיר, האָט אויסגעלערנט זיך: ליפ אויף ליפ פאַרבייסן!
ווען ס׳האָבן מעסערס פאַרן האַלדז געפאָכעט
און דער שונא האָט געדעוועט: שטאַרב!

ס׳איז נישט צו פאַרגעסן! נישט צו פאַרגעבן! —
כ׳פאַרשרייב נישט מיין נאָמען צו יענעם מין קולט! —
ס׳האָט האַרטקייט, ס׳האָט וואַרטן געלערנט דאָס לעבן...
נאָר וויי צו אַ וועלט, וואָס וואַרט אויפן מערדער!
וויי צו דער פינצטערער קראַפט פון געדולד!

און איצט איז יאָרהונדערטער פון גרייכן די שטערן! —
דער רוים און די טיפקייט — אין מענטשלעכן צאַם! —
און ס׳מישן מיט בלוט זיך נאָך אידישע טרערן;
און ס׳שווימט אום מיין פאָלק — פון פעלקער פאַרשטויסן —
אַליין אויף צעבויטעטן ים!

ווי דראָאונגען שווערע — דאָס כוואַליקע ברומען —
אַ פאָלק אויף אַ שיף! עס לעכצט: אַ שטיק ערד! —
און ס׳שרייט צו די הימלען דאָס וועלטישע שטומען!
און ס׳רעוועט דורך רוימען אַן עכאָ פון דורות:
פאַר—ווע—רט!!

וואו איז פון דער מענטשהייט דער בלוט־טראָפּ דער לעצטער!
וואו איז פון יאָרהונדערט די העלקייט — זיין טראָלד! —
וואו זיינען די זין פון דעם פאָלק, דעם געהעצטן —
יענע זין, אויפן ברעג נאָך —
וואָס ווישן די טרערן — און היטן דאָס לעבן — דאָס גאָלד!

וואו איז דער הרט אין מבול־געפּילדער!
וואו איז דער שטיין, דער פעלזיקער ריף!
ס'שווייגט די וועלט! דער שטורעם ווערט ווילדער —
און ס'רייסט זיך דער טויט צו מיין פאָלק אויף די בוואַליעס
און ס'ווארפט זיך אין אנגסטן די שיף!

נישטאָ, נישטאָ קיין שטיק פעלז פאַרן אנקער!
פאַר דער שיף, דער צעלעכצטער, נישטאָ איז קיין פּאָרט!
בלוט נאָר! פאַרניכטונג, אין ווילדקייט אין קראַנקער!
פאַר מיין פאָלק — צו כוואַליקע טיפן פאַרמשפּט —
עס האָט נישט די וועלט קיין פּאַספּאָרט!

יאָ, עס ברענען וואונדן, טיפע וואונדן נאָגן.
ס'שניידן דורות, ס'שניידט די צייט נאָך פּאַס נאָך פּאַס! —
צי וועט דאָס שוויגן פון דער וועלט שוין אייביק צו די הימלען שלאָגן!
צי וועט אַ פאָלק שוין אייביק אַזוי שווימען
איבער פיענע איבער כוואַליקער פון האַס!

עס צוקט דער גוף פון פויסטן־קלעפּ צשונדן,
עס העלט די צאָרן־טרער אויף בלוטיקן געזיכט.
נאָר אונדזער לעבנס־דראַנג — דער באַנדאַזש פאַר אַלע וואונדן! —
האָט שטענדיק אונדז פאַרויסגעפירט
צו באַגינענס אנדערע, צום מאָרגנדיקן ליכט...

פאַרמשפּט? יאָ. נאָר ס'וועט דאָס פאָלק נישט שטאַרבן!
מיט ציין און נעגל ס'וועט זיך קלאַמערן אין לעצטן שטיק פאַרענטש!
וויפיל בלוט עס זאָל נישט רינען פון די שאַרבנס —
ס'וועט אַ פאָלק נישט אונטערגיין!
ס'וועט אַ פאָלק נישט נאָכגעבן דער חיה אינעם מענטש!